STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01765

FUN R. AYZELES MOYL...

Joshua Isaac ben Jehiel Shapira

Permanent preservation of this book was made possible
by Allen & Leona Schwartz
in memory of
Eli Mintz, lover of great books and the Yiddish language

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון ר׳ אײזעלע׳ס מויל...

אַלע זײַנע שאַרפזיניגע שיחות חולין און חכמות
מיט זײַן גענויער ביאָגראַפיע.

צוזאַמענגעשטעלט לויט די ריכטיגסטע מקורים

דורך

ם. רײַצעסזאָן.

איבערדרוקן אינגאַנצן, אָדער
טיילוויַיז, אָן רשות פון
אַרויסגעבער, פאַרבאָטן.

ר׳ איזעלע׳ס לעבנסגעשיכטע. *)

פאראן א אידישע המצאה: פארוואס רופט מען די שטאט בריסק „בריסק״ — ווייל דארט האט געוואוינט ר׳ יאשע-בער בריסקער... אויף דעם זעלבינן שטייגער, נאר אן הלצה, זאג איך אויך: פארוואס איז אין דער וועלט אזוי אנגענומען סלאני־מער רבנות, מחמת אין סלאנים איז געווען רב דער בארימטער ר׳ איזעלע חריף, וואס אויסער מיט זיין גאונות האט ער אויך געשם׳ט אלס שארפזיניגער קאפ-מענטש און זיינע חכמות און שיחות חולין האבן זיך צוטראגן איבער גאר דער וועלט. מיר קענען דרייסט זאגן, אז הגם סלאנים האט פארמאגט פיל גרויסע און בארימטע רבנים, אבער דער איינציגער סלאנימער רב, וואס זיין גאונישער נאמען איז פארבליבן פאפולער ביז היינטיגן טאג, איז דער בארימטער גאון ר׳ יהושע אייזיק שאפירא, אדער ווי ער איז באוואוסט אין דער וועלט מיטן ליבלאכן נאמען „ר׳ אייזעלע חריף״.

געבוירן איז ר׳ אייזעלע לערך אין יאר תקס״ג אין גלו־באקע, א פיצל שטעטעלע אין ווילנער גובערניע. זיין פאטער, ר׳ יחיאל, א באלעבאטישער איד, וועלכער האט געשטאמט פון ר׳ יחיאל האלפערן, דעם בארימטן מחבר פון „סדר הדורות״, איז געווען א ירא שמים און גרויסער למדן און נהנה געווען מיגיעת כפיו (געווען א זייגערמאכער). נאך במעט אלס קינד האט ר׳ אייזעלע ארויסגעוויזן סימנים פון חריפות און גאונישקייט און זיין התמדה צום לערנען איז געווען אין לשער. שוין ביים אנהויב „חומש״ לערנען האט ער פארשאטן דעם רבי זיינעם מיט שאלות און קשיות. אזוי דערציילט מען, אז בעת ער האט געלערנט די ערשטע פרשה אין חומש, ווי גאט האט בא־שאפן דעם הימל — האט ער גלייך אפרעג געטאן: און אויף

---

*) מקורים: הרב ר׳ י״ל פיין, ר׳ ח. לונסקי, ב״צ איינשטאט און איייניגע עלטערע סלאנימער תושבים.

וואָס, רבי, האָט זיך דער הימל געהאַלטן? און פאַרוואָס עפּעס הויבט זיך אָן דער חומש מיט דעם אות בי״ת (בראשית) און ניט מיט אַן אַלף, וואָס דאָס איז די ערשטע בוכשטאַב? און הלמאַי איז דער בי״ת פון׳ם וואָרט „בראשית" גרעסער פון די איבעריגע בוכשטאַבן? און כהנה וכהנה אַזעלכע פראַגעס. בעת ער האָט אָנגעהויבן לערנען גמרא איז ער ממש געווען אויפן זיבעטן הימל, וואָס ער לערנט שוין גמרא ווי אַ „גרויסער" און דאָס קליין נפש׳ל האָט ניט אַרויסגעלאָזן פון האַנט די גרויסע און גראָבע גמרא, איבער וועלכער ער האָט געהאַלטן אין אײן שאָקלען זיך. ס׳ווערט דערציילט, אַז אײנמאָל, ווען ער איז געשטאַנען צוזאַמען מיט זײן פאָטער געבן זײער הויז, איז פאַרבײ־געגאַנגען דער רב פון׳ם שטעטל. רופט זיך אָפּ צו׳ן אים דער פאָטער: אײזעלע, אויב דו וועסט שטענדיק לערנען בהתמדה, וועסטו איבעריאָגן דעם רב. דאָס קינד האָט ניט געמאַכט קײן שהיות, גענומען און אַ יאָג געטאָן זיך אין דער ריכטונג פון׳ם רב און גלײך געקומען צוריק, זאָגנדיק: שוין, טאַטע, כ׳האָב אים איבערגעיאָגט...

צו אַכט יאָר איז שוין דער קלײנטשענקער אײזעלע קלאָר געווען אין אײניגע מסכתות און אַזוי ווי ס׳איז ניט געווען פאַר אים קײן פאַסנדער מלמד, האָט דער פאָטער זײנער אַלײן גע־מוזט לערנען מיט אים. דאָס איז אָבער ניט געווען קײן גרינגע שטיקל אַרבעט און דאָס קינד האָט פּשוט פאַרמוטשעט דעם טאַטן זײנעם מיט זײנע אָפטע קשיות. אַזוי אַז ער האָט ענדליך באַשלאָסן מאַכן אַ סוף צו די דאָזיגע שווערינקײטן און אָפּגעבן אײזעלען צו אַ בעל־מלאכה. ווען דאָס קינד איז אַלט געוואָרן נײן יאָר האָט אים דער פאָטער געבראַכט קײן מינסק און אים איבערגעגעבן צו זײנעם אַ באַקאַנטן זײגערמאַכער ר׳ יצחק סמאָר־גאָנער, צו לערנען בײ אים די דאָזיגע מלאכה. אײזעלע, בלײבנ־דיק אַלײן בײ׳ם זײגערמײסטער אין שטוב, האָט געהאַלטן אין אײן װײנען און קלאָגן, וואָס מ׳האָט אים אָפּגעריסן פון לערנען, און דער זײגערמײסטער, אַן אײדעלער איד, ניט קענענדיק צוזען

דאָס גרויס עגמת־נפש פונ'ם אינגל, האָט גענומען און אים גע־
בראַכט אין דער דאָרטיגער ישיבה, מ'זאָל אים פאַרהערן און
זאָגן וועגן אים א מײַנונג. ווי דערשטוינט איז אָבער דער זײַ־
גערמײַסטער געוואָרן, ווען דער ישיבה־תלמיד האָט אים, נאָכן
פאַרהערן, געמאָלדן, אז דאָס קינד האָט אויף זיך א גאוניש'ן
קאָפּ און דאָס ער, דער תלמיד, איז צו קלײַן צו זײַן א רבי פאַר
אים. ר' יצחק סמאָרגאָנער האָט מיט גרויס שמחה געבראַכט
אייזעלען צוריק צו זיך אהײַם, געהאַלטן אים בכבוד אויף זײַן
טיש און אַרײַנגעגעבן אים לערנען אין דער גרעסטער ישיבה
אין מינסק, די אזוי גערופענע „בלומקעס קלויז", וואו דעם
„שעור" פלעגט דאַמאָלסט זאָגן דער באַרימטער גאון און חריף
ר' אברהם רחאָרעצער ז"ל. דאָרט איז אייזעלע געוואָקסן פון
טאָג צו טאָג און איז געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען „דער גלו־
באָקער עלוי". אײַנע פון די דאַמאָלדיגע מינסקער גביר'טעס,
רבקה בלומקעס, האָט אים אַרײַנגענומען צו זיך אין הויז, אים
געקיכל'ט און אויסגעהאַלטן מיט אַלדאָס גוטס, מײַנענדיג צו
באַקומען אים שפּעטער פאַר אַן'אײדעם, און צו דעם צוועק
אפילו ספּעציעל אַרויסגערופן ר' יחיאל'ן, אייזעלעס פאָטער, ער
זאָל קומען צו איר קיין מינסק, ניט זאָגענדיג אים פאַראויס
אודות וואָס סה'אַנדלט זיך. איר איז אָבער ניט געווען באַשערט
צו געניסן פונ'ם דאָזיגן גליק, ווײַל ווי נאָר ר' יחיאל איז געקו־
מען קיין מינסק און איז פאַרפאָרן, ווי געוויינלאך, אין זײַן אַל־
טער אַכסניה בײַ ר' יצחק פײַן, האָט אים שוין דער לעצטער
ניט אָפּגעלאָזט און געמאַכט מיט אים א תקיעת־כף, אז אייזעלע
זאָל ווערן פאַרקנס'ט מיט זײַן בת יחידה און זיך מתחייב געווען
אויסצוהאַלטן אים מיט אײביגע קעסט. ווען ר' יחיאל איז שפּע־
טער געקומען צו דער גביר'טע בלומקע, האָט זי אים אָפן
אַרויסגעזאָגט איר כוונה, אז זי וויל נעמען אייזעלען פאַר אַן'אײ־
דים און אים מאַכן גליקלאך אויף זײַן גאַנצן לעבן. עס איז
אָבער שוין געווען פאַרפאַלן. ר' יחיאל האָט דערקלערט בפה
מלא, אז זײַן וואָרט און תקיעת־כף וועט ער ניט ברעכן פאַר כל

הון דעלמא און אייזעלע מוז חתונה האָבן מיט יצחק פיינ'ס בת-יחידה. רבקה בלומקעס האָט עס, פאַרשטייט זיך, געקאָסט פיל געזונט און אַ צייט לאַנג ניט געקאָנט זיך באַרוהיגן, וואָס דאָס גליק האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון אירע הענט. עס איז אָבער ניט געווען צו מאַכן. אין אַ פּאָר יאָר אַרום איז פאָרגעקומען אַייזעלעס חתונה, מאַקי מיט פיינ'ס טאָכטער, אויף וועלכער ס'זיינען געווען איינגעלאַדן אַלע מינסקער גאונים און גבירים, אויך רבקה בלומקעס, וועלכע האָט געשיינקט דרשה-געשאַנק אַ פּרעכטיגן ש"ס און פוסקים.

באַלד נאָך דער חתונה איז אָבער ביטלאַכוויז זיין שווער'ס מצב אַלץ ערגער געוואָרן און איז ניט געווען ביכולת אויסצוהאַלטן מיט קעסט זיין חשוב'ן און ליבן איידעם. דאַן האָט ר' אייזעלע בעל כרחו געמוזט אָנהויבן צוצוקנעלן אויף די ישובים. ביי טאָג האָט ער געקנעלט מיט די תלמידים און ביינאַכט געלערנט אַליין מיט גרויס התמדה.*) אין יאָר תקצ"ב טרעפן מיר שוין ר' אייזעלען אין מינסק אַלס ראש-ישיבה און מגיד אין דער דאָרטיגער חברה קדישא, ווייל אויסער זיין גאונות האָט ער זיך נאָך אויסגעצייכנט אַלס זעלטענער דרשן און מיט זיין זים טויל פלעגט ער פשוט קונה נפשות זיין. אין יענער צייט האָט זיך ר' אייזעלע גענומען צום לערנען נאָך מיט אַ פיל גרעסערער התמדה, אַזוי, אַז נאָך גאָר אין די יונגע יאָרן האָט ער באַוויזן דורכצולערנען 63 מאָל ש"ס בבלי און ירושלמי, און זיין בקיאות איז געווען אַ מאוים'דיגע.**)

אין דער זעלביגער צייט האָבן זיך צונ'אים געווענדעט

*) אין די יונגע יאָרן איז ר' אייזעלע, אַלס געוועזענער חסיד, געווען אויך אַ קורצע צייט אַ „חוזר" ביי דעם סטאַרשעלער „רבי'ן" הרב הצדיק ר' אהרן הלוי הורוויץ זלה"ה (ר' שניאור זלמן לאַדי'ערס אַ תלמיד מובהק).

**) זיין נאָנטסטער חבר אין מינסק איז דאַן געווען ר' ישראל מיכל ישורון, וועלכער האָט זיך גערעכנט פאַר איינעם פון די גדולי הדור. איינמאָל האָט זיך ר' אייזעלע מיט אים שטאַרק צעוואָרטלט צוליב אַ ענין תלמודי און זיינען איינער מיטן צווייטן געוואָרן ברוגז. שפּעטער האָט ר' אייזעלע חרטה געקריגן, וואָס ער האָט גורם געווען צו דער מחלוקת (ווייל ער איז

אײניגע קהלות, ער זאָל אָננעמען בײַ זײ דעם כסא הרבנות, וואָס ער האָט געהאַלטן אין אײן אָפּװאַרפן, נאָר ענדליך זײַנען אַראָפּגעקומען די ראשי הקהל פון קאַלוואַריע און האָבן אים כמעט ווי מיט געוואַלד צוגענומען צו זיך אין שטאָט אויף זײַן ערשטע רבנות. ווען ר׳ אײַזעלע איז אָנגעקומען קײַן קאַלוואַריע, האָט ער נאָך — דערצײלט מען — קײן פּוסקים און שאלות-ותשובות ניט געקענט, אָבער שפּעטער, ווען די שטאָט-לײַט האָבן זיך אָנגעהויבן מחמת דעם מתרעם צו זײַן און די זאַך איז דערגאַנגען צו ר׳ אײַזעלען, האָט ער זיך תּכף אַנעם געטאָן מיט גרויס התמדה און אין משך פון נאָך ניט קײן פולן יאָר האָט ער גרינדליך אויסגעלערנט אויף אויסווײניג די גאַנצע ד׳ חלקי שולחן ערוך. אין קאַלוואַריע האָט ר׳ אײַזעלע פאַרענדיגט און אויך אָפּגעדרוקט זײַן באַריִמטן חבור „עמק יהושע“, וועלכער האָט אים פאַרשאַפט אַ נאָמען אַלס גרויסער חריף און בקי אין בבלי און ירושלמי, און וואו נאָר ר׳ אײַזעלע איז געקומען צו פאַר-שפּרײטן זײַן דאָזיגן ספר — איז ער אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס ליבע און מ׳האָט אים אַרויסגעוויזן פיל כבוד.

לאַנג אין קאַלוואַריע איז ר׳ אײַזעלע ניט פאַרבליבן און פון דאָרט איז ער אַריבער אין דער שטאָט קוטנאָ, נאָר אויך אין קוטנע האָט ער זיך לאַנג ניט געהאַלטן, צוליב די גרויסע רדיפות מצד די חסידים, וועלכע ער האָט ניט געקענט פאַר-טראָגן. אינ׳ם יאָר תר״ט לערך קומט ר׳ אײַזעלע אָן אַלס רב אין פּיקטין, וואו ער בלײַבט זיצן אַ שטיקל צײַט רוהיג און נעמט זיך צו זײַן צווײטן חבור „נחלת יהושע“, וועלכער ווערט

געוועזן דער אָנפאַנגער) און איז געקומען צו ר׳ ישראל מיכלען אין שטוב אים מפייס זײַן און ס׳זאָל ווערן צווישן שלום, אויף וואָס ר׳ י״מ איז אײַנגע-גאַנגען. אַז ר׳ אײַזעלע האָט אים ווידעראַמאָל געבעטן, אַז להבא זאָל זײַן אַלץ „כמקודם“, האָט רי״מ געענטפערט, אַז „כמקודם“ קען שוין ניט זײַן, ווײַל פריהער—האָט ער דערקלערט — איז מיר קײנמאָל גאָרניט אײַנגעפאַלן, אַז בײַ אונז קען חען ס׳איז קומען צו אַ מחלוקת, אָבער איצט, אַז איך זע, אַז מיר קענען זיך יע צוקריגן, קען שוין בײַ אונז בשום אופן ניט זײַן „כמקודם“...

געדרוקט אין ווארשע (תרי"א) און מאכט אים אויך א גוואלדיגן פרסום אין דער לומדישער וועלט, און שפעטער, אין יאר תרי"ג, ווען דער גאון ר' בעריש אשכנזי פארלאזט די שטאט סלאנים און קומט אן פאר א רב אין לובלין, ווערט אויף זיין ארט אויפגע־נומען אלס רב ר' אייזעלע, וואו ער פארבלייבט שוין אין משך פון זיין גאנצן לעבן, ביז זיין פטירה ד' טבת תרל"ג.

זיצנדיג רוהיג אויף זיין כסא הרבנות אין סלאנים, האט זיך ר' אייזעלע אפגעגעבן מיט גרוים פלייס אויף זיינע ווייטער־דיגע חבורים: „אבי הנחל" און „שפת הנחל", אויף דרוש (ביידע געדרוקט אין קעניגסבערג אין די יארן תרט"ו — תרי"ט) אבער מער ווי מיט אלע ספרים האט ר' אייזעלע מרעיש עולם געווען מיט זיין ספר „נועם ירושלמי" (ערשטער חלק געדרוקט אין ווילנע תרכ"ג, צווייטער — תרכ"ו און דריטער — תרכ"ח). אינ'ם דאזיגן ספר האט ער מיט גוואלדיגע חריפות און בקיאות אין תלמוד בבלי און ירושלמי, אויסגעפונען די ריכטיגע גרסאות, וואס האט אלעמען ממש געעפנט די אויגן. שפעטער, אין יאר תרכ"ד, דרוקט ער דעם ספר „עצת יהושע" (אויף די „סבי דבי אתונא") און אין דעמזעלביגן יאר גיט ער ארויס דעם פערטן טייל פון זיין „נועם ירושלמי". ער האט אויך אפגעדרוקט (אינ'ם יאר תר"ל) א קליין ספר'ל „מרבה עצה" (אויף די מאמרים פון רבה בר בר חנה) און אין צוויי יאר ארום — זיין לעצטן ספר „מרבה תבונה" (דרשות אויף תוכחות מוסר).

אויסער מיט זיינע חבורים האט זיך ר' אייזעלע אויך אפגע־געבן מיט שטאט־זאכן און גענומען א געהעריגן אנטייל אין אלע כלל־ענינים, האט פארגרעסערט די אלטע ישיבה און געלייגט פיל השגחה אויף די מלמדים און תלמידים. זיין רבנות אין סלאנים האט ר' אייזעלע געפירט ביד רמה און הגם פון נאטור איז ער ניט געווען קיין נושא פנים און אין זיינע דרשות האט ער קיינעם ניט געשאנעוועט, דאך האבן אים אלע, סיי אידן, סיי קריסטן, ליב געהאט און געשפירט צו'אים א גוואלדיגן דרך־ארץ.

דער באקאנטער ווילנער ביבליאגראף ר' חייקל לונסקי ברענגט אין זיינע באשרייבונגען וועגן „אידישע גדולים", אז איינמאל אויף א שמחה, בשעת חדוה, האט ר' אייזעלע געזאגט דעם תלמוד ירושלמי, וואו נאר מ'האט אים געפרעגט, אויף אויסווייניג, האט זיך איינער אפגערופן אין הלצה: רבי, אפשר מ'איר אונז אויך זאגן אזוי דעם תלמוד בבלי אויף אויסווייניג? געטט ר' אייזעלע און זאגט, ניט נאר די גמרא אומעדום, נאר אויך כסדר די רש"י און תוספות, אזוי, אז אלע בייזעזנדע זיינען פון גרויס התפעלות משונה נשתומם געווארן.

דערזעלביגער ה' לונסקי דערציילט, אז ר' אייזעלע, אלס געבוירענער חסיד (הגם ניט איינמאל פלעגט ער זיך וויצלען איבער זיי), איז שטענדיג געווען לעבנסלוסטיג און זעלטן-זעלטן האט מען אים געזען אין עצבות-שטימונג, דאך איז זיין סידור, נאך יעדער תפילה, געווען דורכגעווייקט פון טרערן, און נאך אלעמען קיינמאל ניט מאריך געווען בתפילה און אלץ געהאלטן אין איין לערנען. בכלל איז ר' אייזעלע געווען א נוח לבריות און שטענדיג געקומען צו הילף דעם געדריקטן און עלנטן, נאר בנוגע צו „הסכמות" אויף חבורים, איז ער געווען אנ'אויפגעהאל-טענער און, דאכט זיך, מער ווי איינמאל געפינען מיר ניט זיינע א נעדרוקטע „הסכמה", און דוקא אויף א האלב-משכילישן ספר „תולדות הארץ" פון ר' יוסף שיינהאק (חלק ראשון, ווארשא, תר"א), וואס איז אונטערגעשריבן פון „הק' יהושע אייזיק החופ"ק קאלווארי".

אזוי איז ר' אייזעלע, טאג איין טאג אויס, געווען פארנו-מען מיט זיין הייליגער ארבייט ולא פסק פומיה מגירסא, ביז איינמאל ביינאכט, דאנערשטיק ג' טבת תרל"ג, ווען ער איז געזעסן, ווי זיין שטייגער, און געשריבן זיינע חדושים, איז אים פלוצים געווארן ניט גוט און אויסגעשריען מ'זאל גיכער ברייג-א דאקטאר. ס'איז, פארשטייט זיך, תכף געווארן א גרויסער רעש, מ'האט אראפגעבראכט דאקטורים. וועלכע האבן אנגעווענדעט אלע מיטלען צו ראטעווען דעם גרויסן גאון. ס'האט אבער גאר-

ניט געהאַלפן און לערך אין אַ פּאָר שעה אַרום איז ער אויס־געגאַנגען אין עלטער פון 70 יאָר. אַלטע לייט, וועלכע געדענ־קען נאָך גוט יענעם טרויער־טאָג, דערציילן, אַז צוליב'ן טויט פונ'ם גרויסן גאון איז דאַמאָלס אין שטאָט געווען ממש אַ חורבן. מענטשן זיינען געלאָפן איבער די גאַסן מיט קולות: פּאָזשאַר! די שטאָט ברענט! און מ'האָט געריסן די האָר פון קאָפּ. אַזאַ רושם האָט אויף אַלעמען געמאַכט זיין טויט. אַלע בע"ב זיינען אויפגעווען די גאַנצע נאַכט פון דאָנערשטיק אויף פריי־טאָג, מען האָט געוויינט און געקלאָגט און מיט געבראָכענע געמיטער געזאָגט תהלים. אויף מאָרגן איז גאַנץ שטאָט, פון גרויס ביז קליין, געגאַנגען צו דער לויה. די מטה האָט מען אַריינגעטראָגן אין דער גרויסער שול און מספּיד געווען האָט אים דער „קעלמער מגיד", ר' משה דרשן, וועלכער איז דאַן געווען מגיד אין סלאָנים. די בכיות און יללות בעת'ן הספּד זיינען געווען מאוים'דיגע און דער גאַנצער עולם האָט געריסן צווייַ קריעות, ווי דער דין בעת אַ ספר־תורה ווערט פאַרברענט. אויפן בית־עולם האָט אים ווידעראַמאָל מספּיד געווען דער דאַ־מאָלדיגער סלאָנימער גביר און למדן ר' צבי אַרקין ז"ל. מען דערציילט, אַז צו זיין מטה האָט מען אַנדערש ניט צוגעלאָזן, סיידן ווער ס'איז געגאַנגען פריהער אין טבילה, און פאַר אַלע כבודים, ווי טהרה, הלבשה און אַריינלייגן אין קבר, האָט מען מנדב געווען גרויסע סכומים געלט פאַר דער ישיבה, פון וועלכע עס זיינען צונויפגעזאַמלט געוואָרן אַ פּאָר אַלפים רובל.—ביז פאַר דער וועלט־מלחמה איז געווען איינגעפירט, אַז אַלע ראש־חדש פלעגן אויף זיין אוהל צוזאַמענקומען חברה קדישא און דאָרט מתפלל זיין, נאָר לעצטנס איז עס בטל געוואָרן. די ערשטע צען יאָר נאָך זיין טויט האָבן פילע סלאָנימער אידן, צום אָנ־דענק, אָנגערופן זייערע נייגעבוירענע זכרים מיטן נאָמען „יהושע אייזיק", אָדער „אייזעלע".— אויף דער מצבה פון זיין „מויער'ל" איז אויסגעקריצט פאָלגענדער נוסח: „פּה מנוחת כבוד אדמו"ר הגאון הגדול האמיתי, מאור הגולה, גאון ישראל וקדשו, רשבה"ג,

גר ישראל, עמוד הימיני, פטיש החזק כקש"ת מרן כ"ם יהושע אייזיק זצק"ל בהרב ר' יחיאל ז"ל אב"ד דפה, בעהמ"ח ספרי — — — — — נגנז ארון הקודש ביום ערב שבת קדש ד' ימים לחדש טבת שנת תרל"ג לפ"ק. תנצב"ה".

איבערגעלאָזן נאָך זיך האָט ר' אייזעלע צוויי זין: ר' בער און ר' משה. דער לעצטער איז געווען רב אין וועקשנע, וויל-קאָמיר און ריגע. האָט אָפגעדרוקט איינינגע חבורים און איז געשטאָרבן אינ'ם יאָרצייט-טאָג פון זיין פאָטער ר' אייזעלע ג' טבת תרע"א. זיין עלטערער זון, ר' בער, איז אויך געווען א גדול בתורה, נאָר ער האָט ניט געוואָלט אָננעמען קיין רבנות און כל ימיו זיך עוסק געווען במסחר אין דער שטאָט אָסטראָווע. אנ'אייידים האָט ר' אייזעלע געהאַט נאָר א צאַצקע — דעם באַ-ריזמטן גאון ר' יוסף שלופער, וועלבער איז אין דער יוגנט גע-ווען באַוווסט מיטן נאָמען דער „רעגעבורגער עלוי". זיין ערשטע רבנות (אין יאָר תרכ"ז) איז געווען אין דרעטשין (א שטעטל נעבן סלאָנים). פון דאָרט איז ער אריבער קיין וועקשנע און אין יאָר תרמ"ו איז ער אויפגענומען געוואָרן אלס רב אין סלאָנים, וואו ער איז אָפגעווען לערך צוואנציג יאָר. בחייו האָט ער אָפגעדרוקט צוויי ספרים: „פורת יוסף" און „מרכבת יוסף" און איז נפטר געוואָרן כ"ה ניסן תרס"ה.

מ. רייצעסזאָן.

סלאָנים, ניסן, תרצ"א.

ר׳ אייזעל׳ס
חכמות.

א) בעת די פאָרשטייער פון דער שטאָט סלאָנים זיינען געקומען צו ר׳ אַייזעלען, אים איבערגעבן דעם כתב רבנות, האָבן זיי זיך געריימט, אַז סלאָנים איז זייער אַנ׳אַלטע שטאָט און ס׳איז בקבלה, אַז אין סלאָנים איז באַגראָבן די טאָכטער פון רש״י.

—רש״י׳ס טאָכטער ווען זי איז באַנ׳אייך באַגראָבן—האָט ר׳ אַייזעלע געענטפערט די ראשי־הקהל—איז נאָך ניט קיין בייז; זעט נאָר אז רש״י אליין זאָל באַנ׳אייך ניט באַגראָבן זיין, וואָרום ווען רש״י זאָל זיין באַנ׳אייך באַגראָבן, וואָלט איך צונ׳אייך פאַר א רב געוויס ניט געפאָרן.

ב) צו ר׳ אייזעלען איז אַמאָל איינער געקומען פרעגן אַנ׳עצה, ווי ער זאָל אַ נאָמען געבן זיין ניי-געבוירענע טאָכטער, דען אַלע 6 טעכטער וואָס ער האָט געהאַט זיינען אויסגעשטאָרבן, און ער רעכנט אַז דער נאָמען איז אַ סך גורם צו דעם.

—גיב אַ נאָמען דיין טאָכטער „בת־שבע״—האָט אים ר׳ אַייזעלע געענטפערט— און זי וועט מאריך ימים זיין.

ג) איינמאָל איז ר׳ אַייזעלע צוזאמענגעקומען מיט די סלאָנימער בעלי-בתים אין קהל־שטיבל צו איין אסיפה און די גבירים האָבן עפּעס דעם רב אביסל אָנגעטראטן. אין דעם איז אריינ-געקומען א פארוויינטע פּרוי און געבעטן מען זאָל איהר צולאזן צום רב.

—קומט אהער, אידענע, — האט ר׳ אַייזעלע איהר צוגערופן—וואס פארלאנגט איהר?

—רבינ׳קע!—האט די פרוי זיך פאַרנאַנדערגעוויינט — ראטעוועט מיך! מיר האט זיך ביינאכט געחלומט א שלעכטער חלום, אז מיין איינציגער זון, וועלכער איז וויט פון מיר, איז ניט פּאר קיין אידן געדאכט משוגע געווארן...

— אַ געזונט אין אײַך! — האָט ר׳ אײַזעלע פריילאַך אויסגעשריִען — דאָס איז דאָך אַ טײַערער חלום, איהר באַדאַרפט טאַנצן און פריילאַך זײַן: דאָס באַווײַזט אויף עשירות... איהר ווייסט דען ניט, אַז אלע גבירים זײַנען משוגע?...

ד) פאָרנדיג אַמאָל מיט אַ גביר אין אָסיען-צײַט, האָט זיך דער וואָגן פלוצלינג אויסגעקערט און ר׳ אײַזעלע מיטן גביר זײַנען געבליבן ליגן אויף דער ערד. ליגנדיג אזוי אין בלאָטע שרײַט אויס ר׳ אײַזעלע פריילאך:

— איצט איז מקוים געוואָרן: ,,תורה וגדולה במקום אחד״!...

ה) ר׳ אייזעלע פלעגט זאָגן, אז ער איז מער ווילנער רב ווי סלאָנימער: אמת טאַקי ווילנא וויל מיך ניט, אָבער איך וויל דאָך ווילנא. סלאָנים אָבער—ניט זיי ווילן מיך, ניט איך וויל זיי.

ו) אײַנמאָל איז ער געווען געלאַדן צו א ברית און מען האָט אויסגעשטעלט אויפן טיש פארשיידענע משקאות.

— פון וועלכע שנאַפס האלט איהר, רבי, מעהרער? — האָט אים געפרעגט דער בעה״ב — פון בעסערע צו פון פראָסטערע?

— טאַקי פון בעסערע!—האָט געענטפערט ר׳ אייזעלע — ווײַל איך האָב אַ כלל, אז ,,הדיוט״ קופץ בראש: פראָסטע שנאַפס שפּרינגט אין קאָפּ און פארדרייט דעם מוח.

ז) בײַ א געוויסן סלאָנימער בעל-הבית פון אמאָליגע תקיפים, אויף וועלכן לייט האָבן געמורמלט אז ער איז אַ ממזר, זײַנען אמאָל צונויפגעקומען די ,,פני״ פון שטאָט אויף אנ׳אסיפה. דערוויסנדיג זיך פון דעם, האָט ר׳ אייזעלע דער-

צייילט פאָלגענדע מעשה׳לע: עס זיינען אמאָל געקומען צו דעם רבונו של עולם 3 בעלי-דברים מיט א טענה: דער „עלינו״, דער שלש-סעודות און דער ממזר. דער עלינו קלאָגט זיך: א שיינע תפילה בין איך, א שאפונג פון יהושע בן נון, און אנ׳אָרט האָט מען מיר געגעבן אין דאוונען אויף שונאי-ציון געזאָגט געוואָרן, עפעס כאַפט מען מיר אָפּ ווי א אָנגעוואָרפענע זאַך. פאַר וואָס קומט דאָס מיר? — נו, נו ענטפערט דער רבוש״ע: דערפאַר וועל איך פון דיר מאַכן א פאַראַד ימים נוראים צו מוסף... דער שלש-סעודות טענה׳ט: א סעודת-מצוה בין איך צוגלייך מיט מיינע ערשטע צוויי חברים און מ׳פּטרט מיך אָפּ מיט א קאָפּ פון א הערינג. פאַר וואָס קומט דאָס מיר? — נו, נו, ענטפערט דער רבוש״ע: ביי שבע-ברכות וועסטו דעם שענסטן פלאַץ פאַרנעמען און דער חתן וועט זיין דרשה ביים שלש-סעודות האַלטן. דער ממזר שרייט: מיינע עלטערן האָבן געזינדיגט, אָבער וואָס בין איך שולדיג? פאַר וואָס קומט דאָס מיר, אז „ממזר לא יבוא בקהל ה׳״? — נו, נו, ענטפערט דער רבוש״ע: אויב דו טאָרסט ניט קומען אין קהל, וועט דערפאַר „קהל״ אויף אנ׳אסיפה קומען צו דיר...

ח) ס׳איז אַמאָל צונ׳אים געקומען איינער א רב בעטן אנ׳הסכמה אויף א ספר.

— קיין הסכמה — האָט געענטפערט ר׳ אייזעלע — קען איך אייך ניט געבן, דערפאַר וועל איך אייך געבן א ברכה: הלואי זאָל אייער ספר אַזוי ניט זיין נאקעט, ווי ער וועט ניט זיין הונגעריג.

אַז דער רב איז צונ׳אים צוגעשטאנען, ער זאָל אים דערקלערן דעם פירוש פון דער ברכה — האָט ר׳ אייזעלע געענטפערט: הונגעריג וועט ער ניט זיין, ווייל מען וועט אין זיינע בלעטער איינוויקלען קעז און פוטער, אָבער נאקעט וועט ער זיין, ווייל קיינער וועט ניט וועלן איינבינדן...

ט) דער באַרימטער העבּרייִשער שריפטשטעלער יהל"ל האָט אינגלווייז געלערנט ביי דעם גאון ר' וואָלף פון בּירז, וועלכן מען האָט גערופן „דער בּירזער מלמד". איינמאָל האָט זיך יהל"ל פאַרהערט ביי ר' אייזעלען אין סלאָנים. (ר' אייזעלע האָט אין זיין יוגנט אויך געלערנט ביי דעם בּירזער). אז ר' אייזעלע האָט אים געפרעגט: ביי וועמען ער לערנט? האָט ער אים געענטפערט: ביים בּירזער מלמד.

— גוט, אויסגעצייכנט — האָט מסכים געווען ר' אייזע-לע — אַ ודאי, ווער נאָר ס'האָט ניט געלערנט ביי דעם בּיר-זער מלמד — קען ניט לערנען. וואָרום, והראיה — האָט ער צוגעשמייכלט — דער בּירזער מלמד האָט ניט געלערנט ביים בּירזער — קען ער טאַקע ניט.

י) מען האָט אַמאָל געפרעגט ביי ר' אייזעלען:

— פאַר וואָס רופט זיך אַן אנ'אַקושערקע אינם תלמוד מיטן נאָמען „חכמה"?

— ווייל — האָט ער געענטפערט — זי איז איין „הרואה את הנולד"...

י"א) אַ מחבר האָט געבּראַכט ר' אייזעלען אַ פּירוש אויף דער תּורה, וועלכער איז געווען געשריבן ארום די גליונות פון חומש.

— יע, זאָגט ר' אייזעלע דיין פּירוש איז מיר געפעלן, ער איז קרוב לאמת...

י"ב) אז די סלאָנימער חסידים האָבן געטראָגן צום ערשטן „תשליך" זייער רבּי'ן, ר' אברהם זצ"ל, אויף די הענט און מען האט עס דערציילט ר' אייזעלען (וועלכער איז געווען אַ פאַרקאָכטער מתנגד), האָט ער געענטפערט: וואָס איז דער וואונדער? שקר אין לו רגלים...

י"ג זײַענדיג אין ווילנע בײַ שמואל יוסף פין'ען אין שטוב, ווינטער-צײַט, האָט מען ר' אײזעלען מכבד געווען מיט פרישע קאַרשן.

— פאַרזוכט, רבי, באַנ'אײַך איז דאָך דאָס געוויס אַ נײַס. ערשט איצט פון ראַנזשערײ.

— באַנ'אײך איז דאָס אַ נײַס! — האָט איראָניזירט ר' אײַזעלע — בײַ אונז האָבן מיר דאס שוין געהאַט מיט א האלב יאָר צוריק...

י"ד ר' אײזעלע איז אמאָל דורכגעפאָרן אַ שטאָט און איז אריַין צום דאָרטיגן רב. אויפן טיש האָט ר' אײזעלע געפונען ליגענדיג זײַן ספר „פני יהושע" אײַנגעבונדן טאַנדעט אין א זײַער שװאַכן בונד, און נאָך עפּעס א ספר פון אנ'אַנדער רב, וואָס איז געווען געבונדן גוט און שטארק.

— ווי עס שײַנט — האָט ר' אײזעלע געזאָגט צום רב, האַלטענדיג בײדע ספרים אין האַנט — איז מײַן „פני יהושע" ניט אַזוי משוגע ווי דער אַנדערער ספר, וואָס איז געבונדן געהעריג, ווי אין קײטן...

ט"ו זײַן אײדים, וועלכער איז געווען באַוואוסט מיטן נאָמען יאָשקע „דער דענענבורגער עלוי", האָט זיך אמאָל פאר אים באַקלאָגט, אז ער האָט פאַרטיג א ספר צום דרוק, נאָר ער ווײס ניט וואָס פאר א נאָמען צו געבן אים.

— ווײסט וואָס — מאַכט צונ'אים ר' אײזעלע — גיב א נאָמען דײַן ספר „ישת חשך"... אזא נאָמען האָט נאך קײן מחבר ניט אויסגענוצט און ס'וועט זײַן א נײַס!

ט"ז א מחבר האָט אמאָל געבראַכט זײנעם א ספר צו ר' אײזעלען, ער זאָל זאָגן אויף אים זײַן מײנונג. ר' אײזעלע האט

געבלעטלט דעם ספר און געקוקט אין אים, און אלע װײלע זיך אויפגעשטעלט.

אַז דער מחבר האָט אים געפרעגט: פאר וואָס, רבי, שטעלט איר זיך אלע װײלע אויף? האָט ר' אײזעלע געענטפערט: ווי דען? ס'איז דאָך אַ בפירוש'ער פסוק: ומפני שיבה תקום (פאר אַ „גרײַז" זאָלסטו זיך שטעלן), און גרײַזן אין דײַן ספר פעלן ב"ה ניט...

י"ז) אַ צווייטער מחבר האָט אים אמאָל געבראַכט וויַזן אַ פירוש אויף משלי.

— ווייסט וואָס — מאַכט צונ'אים ר' אײזעלע, נאָכדעם ווי ער האָט בעטראַכט אַביסל דעם כתב-יד — איך וואָלט דיר ראָטן, זאָלסט בעסער מאכן אַ פירוש אויף איוב, ווײַל... איוב האָט געהאַט אזוי פיעל צרות — אָט, זאָל ער האָבן נאָך אַ צרה... אָבער שלמה המלך — וואָס האָסטו צונ'אים?!

י"ח) אײנמאָל, גײענדיג אין מרחץ, אין באגלײטונג פון אַ מאָגערן ישיבה-בחור, וועלכער האָט אים נאָכגעטראָגן זײַן „פעקל", האָט ר' אײזעלען אָנגעשטעלט דער גביר ל., וועלכער איז געווען אַ געזונטער און געפּאַקטער איד. אָפּשמועסנ'דיג אַ װײלע פרעגט ר' אײזעלע בײַ'ם גביר:

—זאָגט נאר, ר' הלל, פיל מאל אַ טאָג עסט איר, וואָס איר זעט, אָן עין-הרע, אזוי גוט אויס?

— אַ סך רבי: 3-4 מאָל אין טאָג.

אָט אַ מזל פון אַ גביר! — האט ר' אײזעלע אויסגעשריִען — איר זעט? אָט אַ דער בחור עסט גאַנצע „טעג", און דאָך — זעט נאר ווי ער זעט אויס און וואס פאר אַ פנים ער האט!...

י"ט) ר' אייזעלע איז אַמאָל געווען אויף אַ סעודת-מצוה. זיצנדיק בײַם טיש איז אַרײַנגעקומען דער שוחט פֿון שטעטל, נעמט ר' אייזעלע און איז אים מכבד מיט אַ שטיקל לעקאַך.

— איר האָט פֿאַרגעסן, רבי, אַז „אין אורח מכניס אורח" האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט דער שוחט.

— פֿאַרשטייסטו מיך — האָט אים ר' אייזעלע געענטפֿערט — ניט אַלע מאָל איז טײַטש „אין": ניט, אַנאַנדערש-מאָל איז דער טײַטש „אין" יע. וואָרום זאָלט דאָס אַנדערש זײַן, וואָלט מען ניט טאָרן עסן פֿון דײַן שחיטה, ווײַל אונזערע חכמים האָבן געזאָגט: „אין שוטה מרגיש"...

כ) ר' אייזעלע פֿלעגט זיך נוהג זײַן „אויסגיין" גיך שמונה-עשרה. אַז מען האָט אים אַמאָל געפֿרעגט דעם טעם דערויבער, האָט ער געענטפֿערט:

— איר דאַרפֿט וויסן, אַז איך בין אַנדערש ווי אַלע רבנים. אַלע רבנים „גייען אויס" נאָך דער „שטאָט" און בײַ מיר איז פֿאַרקערט די „שטאָט" גייט אויס נאָך מיר...

כ"א) בנוגע ר' אייזעלען דערציילט מען, אַז איינמאָל פֿאָרנדיק ערגעץ-וואו אין אַ שטעטל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט מיטן בע"ג אין אַ קרעטשמע דאַווענען שחרית. ר' אייזעלע האָט געדאַוונט פֿון סידור און מאריך בתפֿלה געווען, און דער בע"ג האָט אָפּגעשאַלאַמײַזשעט אויף גיך אויסנווייניג. אַז ר' אייזעלע האָט אים געפֿרעגט, ווי אַזוי איז ער דאָס אים-שטאַנד צו דאַווענען גיכער פֿון אים — האָט דער בע"ג אָפּגעענטפֿערט:

—איר, רבי, האָט אַ וודאי געלערנט אין חדר „עברי" צוויי אָדער דרײַ חדשים, אָבער איך — איך האָב געלערנט גאַנצע צוועלף יאָר, דערויבער קען איך „זאָגן עברי" אַביסל גיכער פֿון אײַך.

כ״ב ויהי היום און ר׳ אייזעלע׳ם משמש איז נעבּיך נכשל געוואָרן, צולקחנ׳דיג פון טיש אַ פלעשל מיט אַביסל וויין. ר׳ אייזעלע האָט באַמעריקט, אַז ביי׳ם משמש אין קעשענע סטאַרטשעט עפּעס אַ פלעשל — פרעגט ער אים: וואָס האָסטו דאָ אין פלעשל? ענטפערט דער משמש: גאָרנישט, וואַסער. זאָגט ר׳ אייזעלע: וויין, לאָמיר פאַרזוכן. אַז ער האָט פאַרזוכט און זיך איבערצייגט, אַז ס׳איז זיס, רופט ער זיך אָפּ: אמת טאַקע וואָס שלמה המלך האָט געזאָגט, אַז „מים גנובים ימתקו״...

כ״ג אַ מחבר, וואָס זיין נאָמען איז געווען משה, האָט אַמאָל אַריינגעטראָגן צו ר׳ אייזעלען זיינעם אַ חבור וועלכן ער האָט אַ נאָמען געגעבן „ידי משה״, ער זאָל געבן זיין הסכמה אויף אים.

ר׳ אייזעלע האָט אַ ווײַלע אַריינגעקוקט אין דעם חבור, נאָכדעם האָט ער זיך אָפּגערופן:

—איהר ווייסט, וואָס איך וועל אייך זאָגן? גיט בעסער אַ נאָמען אייער ספר „פני משה״.

—פאַר וואָס?—וואונדערט זיך דער מחבר.

—ווייל — האָט ר׳ אייזעלע געענטפערט — ווייל אין „משה׳ס״ פנים (פני משה) האָט קיינער ניט געקענט קוקן...

כ״ד אַ ישוב׳ניק, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ שטיקל ידען, האָט אַמאָל געשטעלט ר׳ אייזעלען אַ קלאָץ-קשיא: עס שטייט אין סידור „ברוך שאמר״. ברוך איז דער טייטש: ער איז אַנטלאָפן (ברח), שאמר — ווידער איז דער טייטש: ער האָט אים געהיט (שמר). טאָ ווי, אַזוי זשע, פרעגט זיך, איז ער אַנטלאָפן, אַז מען האָט אים געהיט?

—דער דאָזיגער חידוש—ענטפערט ר׳ אייזעלע—שטייט טאַקי באַלד דערנאָך אין סידור: והיה העולם — די גאַנצע

וועלט איז אויפגעוועקן און שטארק געחדוש'ט זיך, ווי אזוי האט טאקי געקענט אזא מין זאך פאסירן?

כ״ה) ר' אייזעלע פלעגט זאָגן, אז דרוקנדיג אין קעניגסבערג זיין ספר „אבי הנחל", איז ער דאָרט זייער פארשוואַרצט געוואָרן. אז מ׳האָט אים געפרעגט: פארוואָס? האָט ער געענטפערט, ווייל ער האָט דאָרט געטרונקען שווארצע קאווע אָן מילך (צוליב א חשש איסור).

כ״ו) א מחבר א מוסמך פונ׳ם שטעטל „דאָלגי" איז געקומען מיט זיין חבור צו ר' אייזעלען נאָך א הסכמה. ר' אייזעלע האט אביסל מעיין געווען אין ספר און געזאָגט צום מחבר: איר זייט טאקי א „סמוך", אָבער א „אינו נראה" (די גמרא אין מגילה זאָגט: „נראה ואינו סמוך זה היושב בהר, סמוך ואינו נראה זה היושב בעמק [דאָלני]).

כ״ז) אין בית-המדרש, וואו ר' אייזעלע פלעגט מתפלל זיין, האָט זיך אמאָל געשטעלט דאווענען פארן עמוד איינער א ג׳עם-הארץ, וועלכער איז געווען שטומפיג אויף עברי. נאָכן דאווענען רופט צו ר' אייזעלע דעם בעל-תפילה און פרעגט אים:

— זאָגט נאָר, כ׳בעט אייך, איר האט דאָס געדאוונט מחמת חוב, ווייל איר האָט געהאַט יארצייט נאָך אימיצן צו מחמת נדבה, ווייל איר האָט געוואָלט מהנה זיין דעם עולם מיט אייער דאווענען?

— מחמת נדבה, רבי — האָט געענטפערט דער איד.

— אויב אזוי — מאכט ר' אייזעלע — זייט איר פון די גרעסטע נדבנים פון שטאָט, ווייל ביי אונז אין סלאָנים איז א מנהג, אז מען קען ניט גיט מען ניט...

כ"ח) ווען ר' אייזעלע האט פארלאזן קוטנע, האט קוטנער קהל נאכדעם זייער שטארק חרטה געהאט, וואס זיי האבן ארויסגעלאזן אזא גרויסן גאון און האבן געשיקט צו'נאים א שליח מיוחד מיט א נייעם כתב-רבנות. ר' אייזעלע האט אבער דעם כתב ניט אנגענומען און זיי אפגעענטפערט אזוי: די גמרא זאגט: „קרי לה נערה וקרי לה קטנה", אמר רב פפא קטנה דמן נעורן. באווארנט תוספת: הלמאי זאגט מען ניט פארקערט: נערה דמן קוטנא, נאר נעורן געפינען מיר א שטאט, אבער קוטנא איז קיין שטאט ניט...

כ"ט) ר' אייזעלע איז אריין צו א יוסטן בעה"ב נאך מעות חטים, האט דער בעה"ב גארניט געגעבן. רופט זיך אפ צו'נאים ר' אייזעלע: איר מוזט מסתמא האלטן, אז „עץ הדעת תאנה היתה", — דעריבער גיט איר א פייג...

ל') ר' אייזעלע איז געווען געלאדן צו א סעודה פון חברה-קדישא. ביי דער סעודה האט ער באמערקט, דאס כמעט אלע חברה-לייט האבן איבערגעכאפט די מאס און זיינען א היפש ביסל מבוסמ'דיג.

—איצט איז ביי מיר רעכט געווארן—האט ר' אייזעלע געזאגט—א וועלט קשיא: פארוואס עפעס דאס רוב מאל שטייט „עפרון" אין דער תורה א מלא (דאס הייסט: דער פולערווארט מיט א וא"ו) און נור איינמאל געפינען מיר „עפרן" א חסר (אן א ואו)—ווייל עפרון איז דאך געווען א חברה-קדישא-מאן, און דאס רוב חברה-קדישא זיינען „מלא"...

ל"א) א מחבר איז אמאל אריינגעקומען צו ר' אייזעלען און אים געבעטן, ער זאל אים געבן א הסכמה אויף זיין ספר, וועלכן ער האט אים גלייך דערלאנגט.

ר׳ אײַזעלע האָט אָנ׳געפּן געטאָן די פֿאַרערבלאַט און דערזען, דאָס דער ספֿר רופֿט זיך „רד״ק“, און האָט גלײַך געפֿרעגט דעם מחבר, פֿאַרוואָס האָט ער אָנגערופֿן זײַן ספֿר מיט דעם נאָמען „רד״ק“, וואָס דאָס איז דער נאָמען פֿון אײנעם פֿון די גרעסטע אידישע מענער פֿון דער פֿאַרגאַנגע־נער צײַט!

—איר ווײַסט דאָך, רבי—האָט דער מחבר געענטפֿערט —אַז בײַ אידישע מחברים איז אַ מנהג צו מרמז זײַן זײַערע נעמען, ווי אויך די נעמען פֿון זײַערע עלטערן אין זײַערע ספֿרים, און היות מײַן נאָמען איז דוד און מײַן פֿאָטערס נאָמען איז אברהם קלמן—האָב איך דעריבער אַ נאָמען גע־געבן מײַן ספֿר „רד״ק“, וואָס דאָס זײַנען די ראשי־תבות פֿון „רבי דוד קלמנ׳ס“.

—אויב אַזוי—האָט ר׳ אײַזעלע אַ זאָג געטאָן — מעג נאָך אַ נאָמען אײַער ספֿר „דוראַק“—וועט דאָס מאַכן: דוד רבי אברהם קלמנ׳ס, און דעם מורנו וועט האָבן אײַער פֿאָטער, ניט איר...

ל״ב) ס׳האָט זיך אַמאָל אײנער געקלאָגט פֿאַר ר׳ אײַזעלען אויף זײַן שלעכטן מזל און האָט זיך אויסגעדריקט, אַז ער וואָלט וועלן פֿרעגן בײַ גאָט אַ קשיא: פֿאַרוואָס קומט דאָס אים?

—ניי, ניי—האָט ר׳ אײַזעלע צוג׳אים געזאָגט — לאָז גאָט צורו און פֿרעג בײַ אים קײן קשיות ניט, ווײַל ווי דו וועסט בײַ אים אָנהויבן צו פֿרעגן, אַזוי וועט ער גלײַך דיך שיקן רופֿן זאָגן אַ תירוץ, און דאַן ביסטו ניט זיכער מיטן לעבן...

ל״ג) אײנער פֿון ר׳ אײַזעלעס חבורים איז געווען, אין פֿאַרגלײַך מיט זײַנע איבעריגע ספֿרים, קלײַן אין כּמות. בשעת דער דאָזיגער חבור איז אַרויס פֿון דרוק האָט מען אים גע־ריכט

פאר וואס איז דאס אזוינס?

ר׳ אייזעלע האט געענטפערט: סיי ווי סיי קוקט מען דאך אין די ספרים נישט, צו א גרויסער צו א קליינער ספר, אלא וואס דען ס׳אי מער ניט, וואס מען שיקט זיי צו די רייכע בע״ב אויף אויפמאנען דעם טשינש, וואס דער מחבר לעגט ארויף אויף זיי להבדיל ווי מען שיקט „זשאנדארן״... טא פרעג איך אייך. איז עפעס א נפקא מינה, צו א גרויסער זשאנדאר, צו א קליינער זשאנדאר?...

ל״ד) א באריממער סלאנימער „מסור״ האט אמאל געטראשעט די קהלה, אז אויב מען וועט אים נישט געבן תו׳מי שי׳ן קערבלאך — וועט ער מפרן די שטאט מיט דער גאנצער סקאזקע״... די מעטריקאלישע ביכער פון יענער צייט זיינען, פידוע, געווען נישט אזוי כשר און קיין געלט וויי׳ער איז נישט געווען צו ערפילן די גזרה פון דעם „מסור״, האבן קהלם לייט צונויפגערופן אן אספה רבה, אויף וועלכער זיי האבן אויך איינגעלאדן דעם רב, ר׳ אייזעלען.

נאך פיל ישוב-הדעת האט דער רב געשיקט רופן דעם „מסור״ ער זאל תו׳מי קומען.

— וואס אזוינס פארלאנגסטו?—פרעגט אים ר׳ אייזעלע.

— שי׳ן קערבלאך, רבי, פארלאנג איך.

— דו שייגעץ! דו יונגאטש איינער! האט זיך ר׳ אייזעלע פארנאנדערגעשריען — נעמסט 50 רובל איז גוט, אז ניט — קריגן מיר תו׳מי אנ׳אנדער „מסור״, וואס וועט לאזן פאר פאר 25 רובל...

ל״ה) אין ס״אנים איז אמאל געווען א באריממער חזן ר׳ ישראל׳קע, וועלכער איז אפגעוועזן נור א קורצע צייט, ווייל מינסק האט אים אויסגעבאפט. ויהי, און ס׳איז געווען בעת די שטאט האט נאך אים גענומען פאר א חזן ר׳ יאשע אלטשולער,

וועלכער האָט געשמ'ט פאַר א גרויסן מנגן און איז ווירקליך אַלעמען געפעלן געוואָרן, האָבן די פאָרשטייער פון שטאָט צונויפגערופן א גרויסע אסיפה, אויף וועלכער ס'איז אויך געווען ר' אייזעלע, אום צו באטראַכטן און איינוואָרענען, אז מיט דעם דאָזיגן חזן זאָל חלילה ניט פּאַסירן דאָס זעלביגע, וואָס מיט ר' ישראל'קען.

ר' אייזעלע האָט אורות דעם געזאָגט פאָלגנדיגן משל:

אַן אָרימאַן האָט אַמאָל ניט געהאַט קיין געלט אויף צו מאַכן פסח, איז ער געפאַלן אויף אַן המצאה: אַוועק צו חברה-קדישא און געמאָלדן, אז ביי אים איז געשטאָרבן דאָס ווייב און ער באַדאַרף דאָס געלט אויף „אויסריכטונג".

געוויינליך האָט מען אים געגעבן א געוויסע סומע, ער האָט איינגעקויפט מצות מיט קאַרטאָפל און אַלע איבעריגע זאַכן און איז אוועק פרייליך א היים. שפּעטער, אַז „חברה" איז געקומען נעמען דעם מת, האָט מען נאָר געפונען דאָס ווייב ווי זי זיצט און שיילט קאַרטאָפל. זיינען זיי נאַטירליך געוואָרן זייער אין כעס און אָנגעפאַלן אויפן מאַן מיט פאַרשיידענע זלזולים, דערפאַר וואָס ער האָט זיי אָפּגענאַרט. קיין נאַר איז אָבער דער דאָזיגער אָרימאַן ניט געווען, רופט ער זיך אָפּ צו זיי:

— פאָלגט מיר, מיינע ליבע אידן, קאָכט זיך נישט. איך זאָג אייך צו על הן שלי, אז סוף כל סוף וועט זי זיך פון אייערע הענט ניט ארויסדרייען און זי וועט זיין „אייערע"...

אין עטליכע יאָר ארום איז די דאזיגע אידענע גע-שטאָרבן אויף אמת. און אז דער מאַן איז געקומען צו חברה-קדישא מעלדן וועגן דעם, האָט מען אים מער ניט געגלויבט און מען האָט געשיקט א פּאָר מענטשן זען, צי איז זי ווירקליך געשטאָרבן. די מענטשן זיינען געקומען צוריק מיט דער ידיעה, אז ס'איז אמת און מען קען דעם מאַן אירן

אַרויסגעבן עטליכע רובל אויף הוצאות. די קלוגע חברה־קדישא האָט אָבער אָפּגעשטימט, אַז מ׳מוז שטעלן אַ וואַך נעבן דער טויטער, כדי דער מאַן זאָל חס וחלילה נאָכאַמאָל ניט אָפּנאַרן זי...

רופט זיך אָפּ דער אָרימאַן: עוסקים! אַ וואַך האָט איר טאַקי געדאַרפט שטעלן, נאָר וויסט איר ווען? דאַמאָלסט. דעם ערשטן מאָל, ווען איך בין צו נ׳אײך געקומען, אָבער ניט איצטער. ווען זי איז באמת טויט, און איר האָט שוין ניט וואָס מורא צו האָבן.

— דאָס איז דער משל — האָט געענדיגט ר׳ אײזעלע — און דער נמשל זײַנט איר טאַקי אַליין, רבותי, באַוואָרענען האָט איר זיך באַדאַרפט דאַמאָלסט, בעת איר האָט גענומען פאַר אַ חזן דעם באַרימטן ר׳ ישראל׳קען, אָבער איצטער... איצטער — איז דאָס לחלוטין איבעריג. איר מעגט זײַן זיכער, אַז דער נײַער חזן וועט אײַך ח״ו ניט אָוועקחאַפּן, ווײַל קיין שטאָט וועט אים ניט אויסבאַפּן...

ל״ו) אײַנמאָל איז ר׳ אײַזעלע געווען אויף אַ ברית, וואו מ׳האָט אים געוויינליך מכבד געווען מיט סנדק. אַז דער חזן האָט אנגעהויבן זאָגן: „ויקרא שמו בישראל" און באַדאַרפט אַרויסזאָגן דעם נאָמען פון דאָס קינד, איז דער בעל־ברית געבליבן שטיין ווי אַ לעקיש און האָט ניט געוווסט וואָס צו זאָגן, ווײַל ער האָט פארגעסן דעם נאָמען, וואָס די ווײַב האָט אים אָנגעזאגט, און געוואלט גיין צו דער קינפּעטאָרן פרעגן, נאר ר׳ אײַזעלע האט אים אפּגעהאלטן און תיכּף אונטערגעכאַפּט: „ויקרא שמו בישראל"... אַבֿרהם בן... ווען דער בעל־ברית איז שפּעטער אַרײַנגעקומען ואָפּגעבן דער ווײַב מז״ט און האט איר דערציילט וועגן דעם נאמען, וואס ר׳ אײַזעלע האט געגעבן — האט זי זעזאגט, אז אזוי האט זי טאקי געהייסן אַ נאמען געבן. דער בעל־ברית איז תיכּף

ומיד געקומען צוריק און דערציילט די דאָזיגע זאַך פאַרן גאַנצן עולם אלס מופת פון דעם רב, נאָר ר׳ אייזעלע, דער-וווּנדערט זיך האָט דערקלערט דעם עולם מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן:

— קיין מופתים, רבותי, זיינען הײַנטיגע צייטן ניטאָ, נאָר די מעשה דערפון איז גאַנץ פּשוט: זעענדיג, אַז דער טאַטע דער בעל-ברית, שטייט ווי אַ „תרח" — האָב איך געהייסן אַ נאָמען געבן זיין זון אַברהם...

ל״ז) אַ מחבר פון אַ ספר אויף ש״ס איז אַמאָל געקומען צו ר׳ אייזעלען בעטן אַ הסכמה. געמט ר׳ אייזעלע דעם ספר, קוקט אין אים אַריין און דערזעט, אַז דער ספר איז פול מיט נאַרישקייטן, גיט ער אים גלייך איבער צוריק דעם מחבר און זאָגט צו׳ן אים:

— אַנטלויפט וואָס גיכער, ווייל די רביצין וועט אייך נאָך חלילה קוילענען.

דער מחבר איז געוואָרן בלייך ווי די וואַנט און גע-פרעגט דעם גאון, וואָס ער מיינט מיט זיינע ווערטער.

— אַנטלויפט — דערציילט אים ר׳ אייזעלע — איז אַרויסגעפלויגן ביי מיר אויפן טיש אַ האָן און האָט אויף דער אָפענער גמרא בתחילה אָנגעמאַכט. אַז די רביצין האָט דאָס דערזען, איז זי גלייך אַוועקגעלאָפן מיטן האָן צום שוחט און אים דאָרטן געקוילעט. הײַנט אַז איר האָט דאָ אַזוי פיל אָנגעמאַכט אויף דער גמרא — פאַ וואָס וועט שוין דערצו די רביצין זאָגן?...

ל״ח) ר׳ אייזעלע האָט אַמאָל אַריינגעשיקט דורך דעם משרת זיינעם צו אַ קאַרגן גביר זיין קליינעם ספר׳ל „מרבה עצה". דער גביר האָט גענומען מעכטן דעם ספר׳ל און דינגען זיך

וועגן מקח, אז דער משרת האָט עס איבערגעגעבן ר׳ אייזעלען — רופט זיך אָפּ ר׳ אייזעלע: יע, יע, ס׳שטייט טאקי בפירוש: „דבר אחר" בכל מדה שהוא מודד לך...

ל״ט) צוויי ישיבה-בחורים, איינער אַ בקי און דער אַנדערער אַ חריף, זיינען געקומען צו ר׳ אייזעלען נאָך סמיכה. האָט ער דעם בקי געגעבן סמיכה און דעם חריף ניט. אז מען האָט אים געפרעגט פאַרוואָס, האָט ר׳ אייזעלע געענטפערט: גאָר פשוט. סיני ועוקר הרים סיני עדיף, ווייל ווען דער חריף זאָל אפילו וועלן עוקר זיין דעם הר סיני, וועט ער צוליב זיינע חריפות ניט וויסן וואו דער „הר" איז.

מ׳) און נאָך אַ בחור איז געקומען מיט זיין פאָטער צו ר׳ אייזעלען נאָך סמיכה. ר׳ אייזעלע האָט די סמיכה ניט געגעבן, נאָר געזאָגט האָט ער דעם פאָטער, אז זיין זון איז אַ „מלאך אלקים", און דער פאָטער איז אַוועק אַהיים מלא שמחה. אז מ׳האָט ר׳ אייזעלען דערנאָך געפרעגט: ס׳טייטש, דער בחור איז דאָך גאָר אַ בור דאורייתא, פאַרוואָס זשע האָט ער אים גערופן „מלאך"? רופט זיך אָפּ ר׳ אייזעלע: אָט דאָס מיין איך טאקי, ווייל „לא נתנה תורה למלאכי השרת...

מ״א) אויף די ספרים „משרת משה", „אילנא דחיי", „באר יצחק", „בית הלוי" און „עמק יהושע", וועלכע זיינען געדרוקט געוואָרן אין זיין צייט, האָט ר׳ אייזעלע געזאָגט פאָלגנדע מסורה: זאָל קומען דער „משרת משה" מאַכן אַ בעזים פון „אילנא דחיי", איינטונקען אין „בית יצחק" און אויסקערן דעם „בית הלוי" און אריינקערן אין „עמק יהושע"...

מ״ב) בנוגע ר׳ אייזעלען דערציילט מען, אז ער האָט זיך אַמאָל

געטראָפֿן אין אַנ'אָרט מיט ר' שמואל יוסף פין, דעם רעדאַקטאָר פון „הכרמל". ר' אײַזעלע האָט געוואָלט פונעם אַ שמאָך געבן, רופט ער זיך צונ'אים אָפּ:

— זאָגט נאָר, ר' שמואל-יוסף, פאַרוואָס עפּעס איז אײַער משפחה נאָמען „פין" און ניט „פײַן"? מיר דוכט, אַז באַנ'אײַך פעלט אַ יו"ד...

— כ'וועל אײַך זאָגן — ענטפערט אָפּ פין — כ'האָב פון רחמנות-וועגן אײַן יו"ד פאַרליִען אד"ם הכהן:*) אַ מענטש חתמ'עט זיך אונטער מיט דרײַאונצוואַנציג אותיות: „אַברהם דובער הכהן לעבענזאָהן" און האָט נעביך קײַן סימן יו"ד ניט אין זיך...

מ"ג) אַ סלאָנימער בעה"ב האָט אַמאָל געבראַכט זײַן אינגל צו ר' אײַזעלען, ער זאָל אים פאַרהערן די שווערע רש"י פון פרשה משפטים...

אַז ר' אײַזעלע האָט געענדיגט פאַרהערן, רופט ער זיך אָפּ צום פאָטער פון אינגל: איר ווייסט, אײַער זון איז ווי אַ גאון! און אַ צושמאָלצענער פון נחת, איז דער פאָטער געגאַנגען אַהיים פול מיט שמחה.

די מענטשן, וועלכע זײַנען געווען דערבײַ און האָבן געוווסט, אַז דער פאַרהערטער אינגל איז נעביך אַ פאַר-שטאָפּטער מוח, זײַנען צוגעשטאַנען צו ר' אײַזעלען, ער זאָל זיי דערקלערן, צו ער מײַנט טאַקי מיט אמת, דאָס וואָס ער האָט ערשט געזאָגט דעם פאָטער פונ'ם אינגל.

ר' אײַזעלע האָט אַ שמייכל געטאָן און האָט זיי אַזוי דערקלערט: כ'איז ידוע, אַז אונזערע באַרימטע גדולים האָבן זיך אין יעדער תקופה אָנגערופן מיט אַנ'אַנדער נאָמען. צוערשט, למשל, האָבן זיי געהייסן תנאים, שפּעטער —

---

*) אַ באַרימטער העברעיִאישער משורר אין פאָריגן יאָרהונדערט, מחבר פון „שירי שפת קדש", וועלכער האָט געוואוינט אין ווילנע.

אמוראים, סבוראים, גאונים און נאָך שפּעטער — רבנים, צווישן וועלכע ס׳איז אויך געווען פאררעכנט רש״י. נמצא, אַז די גאונים, וועלכע האָבן געלעבט אין אַ פריערדיגער תקופה, האָבן ניט געקענט רש״ן... דעריבער איצט, רבותי, אַז דער אינגל קען אויך ניט רש״ן, זאָגט זשע אליין, איז ער דען נ י ט ווי אַ גאון?...

מ״ד) בעת אין ר׳ אַייזעלעס צייטן האָט מען אָנגעהויבן צו טראָגן קורצע מלבושים מיט אַ אויבערשטער קעשענקע, האָט ר׳ אַייזעלע אַ קרעכץ געטאָן: ווי קליין געביך דער אידעלע איז געוואָרן!...

אַז מען האָט אים געפרעגט דעם פּירוש פון זיינע רייד — האָט ער געענטפערט: פאַראַן בא אונז אַ שפּריכוואָרט: „אַ איד ביז צו דער קעשענע״, אָבער אַז די קעשענע איז איצט גאַנץ אויבן — קען מען זיך שוין פאָרשטעלן, ווי גרויס דער גאַנצער איד איז!...

מ״ה) איינער האָט אמאָל געפרעגט ר׳ אייזעלען, פאַרוואָס רופט מען אַניעם האָרץ: גראָבער יונג?

— דערפאַר—האָט ר׳ אייזעלע געענטפערט—ווייל ער ווייס נישט קיין ד י ן...

מ״ו) אַ רב האָט זיך אַמאָל געקלאָגט פאַר ר׳ אייזעלען, אַז ער שטייט אויס גרויסע רדיפות פון חסידים, וועלכע זיינען אים חושד אין השכלה.

— כ׳האָב פאַר אייך אַנ׳עצה — זאָגט צונ׳אים ר׳ אַייזעלע.

— דהיינו וואָס? — כאַפּט זיך אָן דער רב.

— שרייבט זיי אַ בריוו — זאָגט ר׳ אַייזעלע —

וועלן זיי זען, אַז זייער חשד איז לחלוטין אַן אומזיסטער...

מ"ז) איינער האָט אָנגעשריבן אַ פּירוש אויף קהלת און געבעטן ביי ר' אייזעלען אַ הסכּמה. דער גאון האָט מעיין געווען אינ'ם פּירוש און האָט געזען, אַז ער איז פול מיט טפשות. רופט ער זיך אָן צום מחבר: כ'מוז אייך זאגן דעם אמת, אַז איר זיינט אַ גוואַלדיגער חכם, נאָך קליגער פון שלמה המלך.

ווען די ביישטייענדע האָבן געפרעגט ר' אייזעלען, וואָס אַזוינס האָט ער דאָס געפונען אין דעם דאָזיגן פּירוש, האָט ער אָפּגעענטפערט:

—ס'איז דאָך ידוע, אַז שלמה המלך איז געווען דער חכם מכּל האָדם. איצט אָבער, אַז דער מחבר קומט און מאַכט שלמה המלך צו-נאַר, איז ער דען ניט דערפאַר, פרעג איך אייך, נאָך קליגער פון שלמה המלך?...

מ"ח) אַ מחבר איז געקומען צו ר' אייזעלען בעטן אַ הסכּמה אויף אַ חבור.

ר' אייזעלע האָט גענומען אַ בויגן פּאַפּיר, אָנגעשריבן אין דער הויך זיין הסכּמה און לאָזנדיג אַ גרויסן בלויז האָט ער אונטערגעשריבן און געחתמ'ט זיין נאָמען.

— רבי, צו וואָס האָט איהר געלאָזן אַזאַ גרויסן בלויז? איז דער מחבר געווען נייגעריג צו וויסן.

— דערפאַר — האָט ר' אייזעלע געענטפערט — ווייל ס'שטייט: „מדבר שקר תרחק"... (פון אַ ליגן זאָלסטו זיך דערווייטערן").

מ"ט) אַ ווילנער משכּיל, אַ מגולח, איז אמאָל געקומען צו ר' אייזעלען און געזאָגט צונ'אים:

— קוקט ניט, רבי, וואָס איך בין א „משפילי", איך בין „אי פלייִשיג אי מילכיג"...

רופט זיך אָפּ צונ'אים ר' אייזעלע: אויב מילכיג און פלייִשיג — זייַנט איר דאָך גאָר א טרפה...

נ') ווי אייַזעלע האָט אמאל מכבד געווען זיין איידים ר' יאָסעלע שלופער צו זאָגן שבת הגדול אין סלאנימער שול א חלוק. ר' יאסעלע האט געזאגט אזא שארפן חלוק, אז אלע סלא-נימער לומדים זייַנען ארויס פון די כלים פון גרויס התפעלות. נאָכן חלוק רופט זיך אָפּ ר' אייזעלע מיט א ווייץ: איר ווייסט פארוואָס מ'איז מכבד דעם רב שבת הגדול צו זאָגן אַ חלוק? כדי מ'זאָל זען, וואָס פאר אַ „למדן" ער איז און מ'זאָל אים מעגן פארקויפן ערב פסח דעם חמץ...

נ"א) מ'האָט געפרעגט ר' אייזעלען:

—פארוואָס הויבט אָן דער חזן שבת ביי'ם עמוד פון „שוכן עד" און ניט פון אָנהויב דאַווענען?

—פארשטייט איר מיר—האָט ר' אייזעלע געענטפערט —דאָס רוב חזנים זייַנען שוטים, און מיט אַ שוטה, זאָגט די וועלט, טאָר מען ניט אָנהויבן.

נ"ב) ר' אייַזעלע האָט ניט געהאַלטן פון דיפּלאָמירטע דאָקטוירים. ער פלעגט זאָגן: פארוואָס רופט מען דאָקטוירים „רופאים", ווייל זיי זיינען גלייך צו רפאים (שפּלוואָרט — „רפאים" הייסן: טויטע). פונקט ווי די טויטע ווייסן ניט, אַזוי ווייסן אויך די דאָקטוירים נאָרניט.

נ"ג) בעת ר' אייזעלע איז געווען רב אין קאלוואריע איז די דאָרטיגע קהילה ניט געווען ביכולת צו צאָלן אים שכירות.

איז געבליבן אויף אַנ'אסיפה רבה אָפּצוגעבן דעם רב אין אַרענדע דעם מרחץ און פיל ס'וועט מאַכן וועט זײַן פאַר אים אויף שכירות.

אײַנמאל, ערב שבת, באַגעגנט ר' אײַזעלע דעם פּרנס הקהל, א רײַכן פּשוט'ן איד'ן, גײענדיג פון מרחץ.

—וואס איז עס רבי פאר אַ שטײגער — וווּנדערט זיך צונ'אים דער פּרנס מיט א כּרוגז — סאיז פרײַטאג און אין מרחץ איז ניטא קײן טראָפּן וואסער!

—אזוי?—האָט ר' אײַזעלע אָנגעשטעלט די אויגן אויף אים—ניט גענוג וואס איר האָט מיר געמאכט פאַר א בעדער, ווילט איר מיר נאָך מאכן פאר א מרחץ-גוי?!...

נ"ד) ר' אייזעלע פלעגט זייער פיל אַרומפאָרן איבער דער וועלט מיט זײַנע ספרים און האָט זיך ווייניג וואָס געפונען אין דערהײם.

אײַנמאָל, אין אַ קרעטשמע, מאַכט צונ'אים אַ באַקאַנטער איד:

— מיר איז אַ חידוש, רבי, וואָס פלאָנים וויל אייך האַלטן פאַר אַ רב, אז איר זיינט דאָרט קיינמאָל ניטאָ?

—די בע"ב וואָלטן מיר טאקי געוועזט אָפּזאַגן — ענטפערט ר' אייזעלע מיט אַ שמייכל — נאָר זיי געפינען מיר קײנמאָל ניט אין דערהײם...

נ"ה) אײַנמאָל, ערב יום כּפּור, בײַ'ם מיטאָג עסן, מאכט די רביצין צו ר' אײַזעלען:

—כ'זע דיך, אײַזשע, גאָרניט ארוים דורך דער פאַרע, וואָס שלאָגט פונ'ם צימעס..

—נו, נו—שאָקלט מיטן קאָפּ ר' אײַזעלע — זאָלן מיר דערלעבן איבער א יאָר און זיך ווײַטער ניט זען...

נ"ו) דעם ערשטן יום-טוב נאך ר' אייזעלעס אנקומען קיין טיקטין זיינען געקומען די נכבדי העיר אים מקבל פנים זיין. ר' אייזעלע האט פאר זיי געזאגט זייער שארפע תורה און אזוי זאגנדיג האט ער זיי ארייגעווארפן א ווארט אויפן מאמר „חייב אדם לקבל את פני רבו." וואס עפעס את פני רבו, ס'האט דאך געקענט שטיין חייב אדם לקבל את רבו, נאר דער תירוץ איז: מ'דארף זען, אז דער רבי זאל האבן א פנים... צום צווייטן יו"ט האבן שוין די שטאט-לייט אריינגעשיקט אים זייער פיל מתנות. אז זיי זיינען נאך א יו"ט געקומען צו'נ'אים, האט ער זיי געזאגט: איצט קענט איר שוין קומען מקבל זיין „פני" רבו...

נ"ז) ר' אייזעלע איז אמאל אריין צו א גביר, וועלכער איז געווען אפילו א פרומער, נאר זייער א קארגער. ווי נאר דער גביר האט דערזען פונדערווייטן ר' אייזעלען — האט ער זיך באהאלטן הינטערן אוויון און אויפן טיש איז ביי אים געלעגן אפן א מוסר-ספר אויפגעמישט „שער הענוה". רופט זיך אפ ר' אייזעלע: ער האט בעסער געדארפט לערנען „שער הגאוה", וואלט ער זיך ניט געמאכט אזוי נידעריג...

נ"ח) ר' אייזעלע איז אמאל געקומען אין שול, אין א קאלטן זומערטאג, אנגעטאן אין א פוטער. האט אים איינער אזאג געטאן:

—רבי, איר ווייסט דאך, אז די גמרא זאגט: „חמרא בתקופת תמוז קרירא ליה" (אנ'אייזל איז אפילו אין די תמוז-טעג אויך קאלט)...

—יע, יע—האט ר' אייזעלע געענטפערט—זייער ריכטיג: א מענטש אז ער זעט, אז אין תמוז איז קאלט—נעמט ער און טוט אן א פוטער און אים איז שוין ווארים. אנ'אייזל אבער שעמט זיך אנצוטאן דעם פוטער — פרירט ער טאקי אפילו אין מיטן תמוז...

נ"ט) דעם ערשטן טאָג שבועות, תפּף נאָך „אקדמות", איז צו־געגאנגען דער „משכּיל העיר" צו ר' אײַזעלען און צונ'אים אַזוי געזאָגט:

—רבי! זאָגט אַליין, וואָס פאַר אַ טעם האָבן די אומגעלומפּערטע חרוזים פונ'ם מחבר פון „אקדמות", וואָס ער האָט אָנגעשריבן: רשותא, נקשותא, טרשותא וכו'". גלויבט מיר, ווען אונזערע משכּילים וואָלטן געמאכט די „אקדמות", וואָלטן זיי ניט דער ערך געווען בעסער, און פונדעסטוועגן, בין איך זיכער, אַז איר וואָלט זיי געווים ניט געזאָגט.

—כוועל דיר דערקלערן, מיין קינד—האָט אים ר' אײַזעלע געענטפערט—אין יעדער זאַך איז פאַראַן אַ גוף מיט אַ נשמה. למשל: אַ טיש. די ברעטער איז דער גוף, די קונסט פונ'ם טיש—איז די נשמה. דאָס גלייכן אַ ספר: די שפראַך איז דער גוף, דער אינהאַלט — די נשמה. און אויב מיר שעצן און זאָגן דעם פּיוט פון אונזערע פּייטנים איז עס נאָר דערפאַר, ווייל מיר ווייסן, אַז זיי האבן אַלץ געמאַכט מיט נשמה. דעריבער, מיין קינד, ווען אייערע משכּילים וועלן מאַכן מיט דער נשמה—וועלן מיר דאַמאָלסט אויך זייערע זאָגן...

ס') איינמאָל איז ר' אייזעלע געקומען צו אַ קאַרגן גביר נאָך מעות חטים. דער גביר האט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן. דערביי האָט ר' אייזעלע אים געטראָפן ריינינגענדיג די קעשענעס פון חמץ. גיט ר' אייזעלע אַ מאַך מיטן האנט און זאָגט:

—איר דאַרפט ניט ריינינגן די קעשענע, ווייל איר זיינט דאָך אַ איד ניט מער ווי ביז דער קעשענע...

ס"א) אויף ר' אײַזעלעס איידים, ר' יאָסעלע, דערציילט מען, אַז ער האָט זייער פיינט געהאט די רבנות. איטלאכם מאָל, ווען ער האָט געהאלטן ביים אויסגעבן אַ טאַכטער, פלעגט ער זאגן:

—כ׳זוך אנ׳אײדים, ער זאל זײן אן עם־הארץ גמור. װאָרום טאמער קען ער עברי, בין איך בײ הײנטיגע צײטן מיט אים ניט זיכער, ער זאל ניט װערן קײן רב...

ס״ב) ר׳ אײזעלע פלעגט זאגן:

—א גביר גיט גיכער א נדבה א קאליקע װי א למדן. פאַרװאָס? אז ער זעט א קאַליקע, האָט ער מורא, טאָמער װעט ער אַלײן אמאָל צוברעכן א פוס, אָדער פארלירן א האנט, אָבער א למדן—דאָס װעט ער שױן קײנמאָל ניט װערן...

ס״ג) אז מ׳פלעגט ר׳ אײזעלען, אין די לעצטע יאָרן פרעגן, װי אַלט ער איז פלעגט ער ענטפערן:

— אז אַ מענטש האַלט בײם אַנזעצן, װײזט ער ניט קײן באַלאַנס...

ס״ד) צו ר׳ אײזעלען זײנען אמאָל געקומען א מאן און װײב גט׳ן זיך און האָבן אים געבעטן ער זאָל צװישן זײ אויסלאַדן, די װײבע האָט געהײסן ראשע, האָט בשום אופן אָבער ניט געקענט קומען צו א באשלוס און אויף אַלץ װאָס דער רב האָט געזאָגט האָט זי אונטערגעמורמעלט און ס׳איז איר געװען ניט געפעלן.

—מיט אַלע שװערע רשי״ם — האָט ר׳ אײזעלע א זאָג געטאָן — בין איך כמעט תמיד פאַרטיג געװאָרן, נאָר מיט דער דאָזיגער שװערער ר א ש ע בין איך מסופק אויב איך װעל אַמאָל פאַרטיג װערן!...

—די דאָזיגע װערטער האָבן געװירקט אויף דער פרוי און זי האָט ענדליך באַשלאָסן פאָלגן דעם רב.

ס״ה) ר׳ ליבערט (עדל) פלעגט זאָגן פאַר ר׳ אײזעלען תורה פון זײן פאָטער דעם „אַפיקי יהודה". מאכט אײנמאָל צונ׳אים

ר׳ אייזעלע: איר ווייסט, איר זיינט אזוי ווי די בנות לוט ארץ מואב: דער אונטערשייד איז נאר, וואס ביי די בנות לוט האט דער פאטער ניט געוואוסט און זיי האבן יע געוואוסט, און ביי אייך איז פארקערט: דער פאטער האט געוואוסט און איר ווייסט ניט...

ס״ו) א יונגערמאן האט געבראכט צו ר׳ אייזעלען א חבור מיטן נאמען „יהגה חכמה“ און געבעטן ביי אים א הסכמה. ר׳ אייזעלע האט אין ספר אריינגעקוקט און משלח געווען דעם מחבר אן א הסכמה.

—איר ווייסט פארוואס כ׳האב אים אפגעזאגט?—האט זיך ר׳ אייזעלע געווענדעט צו די מענטשן, וואס זיינען געווען דערביי—וויל... צא יעגא טא ניע חכמה, א צא חכמה טא ניע יעגא...

ס״ז) מ׳האט אמאל געפרעגט ר׳ אייזעלען: פארוואס זאגן די מגידים שלעכטע דרשות, אלצאיינס לקח׳נען זיי דאך פון פרעמדע ספרים, קענען זיי דאך אויסקלייבן עפעס רעכטס און ניט קיין נארעשקייטן?

—וואס פארשטייט איר ניט — האט געענטפערט ר׳ אייזעלע — א נארעשקייט געדיינקט זיך...

ס״ח) אייניגע רבנים האבן אמאל פארקלערט ארויסגעבן א זאמלבוך פאר דברי תורה, אין וועלכן ס׳זאלן אריינקומען חידושים פון די גדולי הזמן. האבן זיי זיך געווענדעט אויך צו ר׳ אייזעלען, ער זאל נעמען א אנטייל אין דעם. ר׳ אייזעלע האט זיך אפגעזאגט,

— ס׳טייטש, דאס שמעקט דאך מיט „יגדיל תורה“, טא פארוואס, רבי, זאגט איר זיך אפ?

— כ'וועל אייך דערקלערן — האט ר' אייזעלע גע-ענטפערט—דער דרך העולם איז, אז א טענצער א מומחה איז ווען ער וויל און ווען ער האט נאר חשק, נעמט ער און טאנצט. אבער די וואס קענען ניט טאנצן מוזן שטענדיג אנקומען צו א חברותא: נעמען זיך פאר די הענט און דרייען זיך אלע אין קאראהאד...

ס"ט) מען האט אמאל געפרעגט ר' אייזעלען:

— פארוואס איז דאס אזוי: חסידישע „רביים" פארן ארום אין קארעטעס, געשפאנט מיט טייערע פערד, און מתנגדישע רבנים גייען נעביך שטענדיג צופוס?

—ס'איז גאנץ פשוט—האט ר' אייזעלע געענטפערט—מיר האבן בקבלה, אז „שקר אין לו רגלים," דעריבער מוזן זיי פארן אין קארעטעס; מיר אבער, רבנים, וואס האלטן זיך אן אמת, קענען מיר גיין צופוס.

ע') דער קוטנער בעדער האט אמאל געמאכט א גרויסע סעודה און פארבעטן ר' אייזעלען, ער זאל פארהערן זיינע קינדער. נאכן פארהערן פרעגט דער בעדער ר' אייזע"ען: נו, וואס זאגט איר, רבי? רופט זיך אפ ר' אייזעל: הלוואי זאל מען דאס זאגן אויף מיינע קינדער..

אז מ'האט ר' אייזעלען געפרעגט, וואס מיינט ער מיט דעם, האט ער געענטפערט:

—פאר זייער פאטער, דעם בעדער, קענען זיי דאך געווים בעסער לערנען; הלוואי זאל מען דאס זאגן אויף מיינע קינדער, אז זיי קענען לערנען בעסער פאר זייער פאטער.

ע"א) מ'דערציילט: אין קוטנע איז איינמאל פארגעקומען ביי ר' אייזעלען א דין תורה צווישן צוויי מחותנים. דעם חתנ'ס

פֿאָטער האָט געטענה'ט, אז דער כלה'ס פֿאָטער דאַרף געבן קעסט, ווײַל ער האָט גענומען אַן אײדעם א למדן, וואָס דאַרף זיצן און לערנען. דער כלה'ס פֿאָטער האָט אָבער געטענה'ט; אזוי ווי אויף דעם חתן ליגט דער חוב פֿון געבן מזונות, דעריבער דאַרף זײַן פֿאָטער געבן קעסט. ר' אײזעלע אויסהערנדיג די טענות, האָט זיך אָפּגערופֿן מיט א וויץ: „מאן דיהיב חיה יהיב מזונא"... (די כלה האָט מען גערופֿן „חיה").

ע"ב) ר' אײַזעלע איז אײנמאָל געזעסן און געפּירט א שמועס מיט דעם סלאָנימער דיין אודות תומרות און קולות אין הלכות שאלות. דער דיין איז געווען אַ מחמיר און ר' אײַזעלע א מקיל.

—ס'איז ניט קײן קונץ—האָט ר' אײַזעלע געזאָגט—צו פּסקנ'ען אַלע מאָל ווי ס'שטײט אין דין; מ'דאַרף אַנ'אנדערש-מאָל אויך קענען מאַכן אזוי, אז ס'זאָל שטײן אין דין ווי מ'פּסק'נט.

ע"ג) אײדער ר' יאָסעלע שלופּער איז געוואָרן רב האָט ער געגעסן קעסט בײַ זײַן שווער, ר' אײזעלע.

האָט אים ר' אײַזעלע אמאָל געזאָגט:

— הער זיך אײַן, יאָשע, וועד פֿון אונז בײדע איז סלאָנימער רב, איך צי דו? אַז שאלות פּסקנ'ען מיר בײדע ניט, דערויף איז דאָ דער מורה הוראה ר' פֿײַטל; בײַ אַ דין-תורה זיצן מיר בײדע; פֿון די שׂכירות לעבן מיר בײדע, טאָ וועד איז פֿאַרט דער רב?

—נו, זאָגט איר, שווער — שמײכלט ר' יאָסעלע—ווי ווײס מען טאַקי?

—כ'וועל דיר זאָגן—ענטפֿערט ר' אײַזעלע—גײ אַרויס אין שטאָט וועסטו הערן ווע מען מ'באַרעדט...

ע"ד) דער באַרימטער מלומד און שריפטשטעלער ר' שמואל יוסף פין, דער רעדאַקטאָר פון „הכרמל", איז געווען א גרויסער עושר און אויך פאַרמאָגט אַ אייגענע ציגל-פאַבריק.

האָט אַמאָל אויף אים ר' איזעלע אַזוי געזאָגט:

מיר האָבן בקבלה, אַז אַ ציגל-מאכער צייכנט זיך אויס מיט זיינע האַרטע ציגל און א שריפטשטעלער — מיט זיין ווייכן לשון (שפּראַך), בא פין'ען אָבער איז להיפך: זיינע ציגל זיינען ווייך און זיין לשון—האַרט (שווער)...

ע"ה) ווען ר' איזעלע האָט פאַרלאָזן די חברה-קדישא־שול אין מינסק (וואו ער איז געווען מגיד און סגן ראש-ישיבה) און איז געוואָרן א מלמד אויף אַ ישוב, האָט מען אים געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט אַזוי געטאָן? האָט ר' איזעלע געענטפערט מיט דעם לשון פון ש"ס (אין כתובות): „כל ישיבה שאין בה סמיכה—עמידה טובה הימנה". (עמידה: „צושטאַנד" — מלמדות).

ע"ו) אין ר' איזעלעס שלעכטע צייטן, ווען ער האט גענעסן קעסט ביי זיין שווער, האָט אים זיין פאָטער אַמאָל אַריינגעשיקט אַ בריף, ער זאָל קומען צו'נ'אים קיין גלובאָקע און דאָרטן זיצן און לערנען. ר' איזעלע האָט דערויף געענטפערט: אין „גלובאָקע" איז גוט צו דאַווענען („ממעמקים" קראתיך ד"), אָבער לערנען איז בעסער אין מינסק.

ע"ז) אויף דעם באַרימטן בעל-חשבון ר' יחזקאל לטבלא, וועלכער האָט געוואוינט אין סלאָנים, האָט מען געמורמלט, אז ער איז אַ שטיקל קל במצוות. איינמאָל, צווישן פסח און שבועות, האָט ער זיך געטראָפן אין א הויז צוזאמען מיט ר' אייזעלען און אָנגעהויבן זיך רימען פאר אים מיט זיינע גרויסע קענטעניש אין חכמת החשבון.

— און איך — זאָגט ר' אײַזעלע — װעל אײַך באלד אױפגעבן א חשבון, װעלכן, איך בין זיכער, אז איר װעט ניט זײַן אימשטאנד אױפצוחשבונ'ען.

—נו, אדרבה, לאָמיר הערן.

—זאָגט נאָר, ר' יחזקאל—גיט א פרעג ר' אײַזעלע— װעלכע „ספירה" האבן מיר הײַנט?

לטבלא האָט זיך פארשעמט און געבליבן אן לשון.

ע"ח) ר' אײַזעלע איז אַמאָל געגאַנגען אין גאַס און געזען װי חברה-קדישא-לײַט גײען פון בית-עלמין קוים האלטנדיג זיך אויף די פיס.

—א פלאַדיגע זאַך—רופט זיך אָפּ ר' אײַזעלע—גײען פון דעם עולם האמת און האָבן קײַן פיס ניט װי דער שקר...

ע"ט) ר' אײזעלע איז אַמאָל געפאָרן אויף אַ שליטן צו אײַנעם אויף אַ ברית. דער שליטן האָט זיך אויסגעקערט און דער רב איז אַרויסגעפאַלן און צובלוטיגט דעם פנים.

עס זײַנען אָנגעלאָפן מענטשן, האָבן אים אויפגעהויבן און אַלץ געאָי'קעט: אָי, װײ, רבי,... אײַער פנים!

—יע, יע, אַ שײנעם פנים האָט באַנ'אײך דער רב — האָט ר' אײַזעלע זיך רוהיג געװיצלט.

פ') אײַנער אַ מחבר איז אַמאָל צוג'אים געקומען בעטן אַ הסכמה אויף זײַנעם א ספר. ביז װאנען-װאָס זײ האָבן זיך אזוי געשמועסט איז געװאָרן כמעט פינסטער און דער מחבר האָט געבעטן ר' אײַזעלען, ער זאָל אים געבן דעם שמש אויף צו באַגלײטן.

—אויב ס'גײט אין דעם—האָט ר' אײַזעלע געזאָגט— װײל איר האָט מורא, װאָס עס שטײט געשריבן: אל „יצא

ת״ת יחידי בלילה מפני המזיקים״ — קען איך אײך ראטן: איר זאָלט האלטן אָפן אײער ספר, וועלן די „מזיקים״ זען, אַז איר זײַנט ניט קײן ת״ת...

פ״א) ר׳ אײַזעלע פלעגט זאָגן: פארוואָס רופט מען פורמאנעס בעלי-עגלות, ווײַל פאלט מען ארײַן צו זײ אין די הענט — לײדט מען גלות: ווילסטו פאָרן—רירט ער זיך ניט פון אָרט; ווילסטו רוהען — נויט ער דיר מיט גוואלד צו פאָרן...

פ״ב) ער איז אמאָל געקומען צו אַ גביר אַ קמצן בעטן אַ נדבה אויף א דבר-צבור.

—אשאָד אײער טרחה, רבי—האָט געזאָגט דער גביר—צו דען ווייסט איר ניט, אז איך בין אַ בן-נח?

—אמת, איך ווײס—האט געענטפערט ר׳ אײַזעלע—אַז איר זײַנט אַ בן-נח. כ׳וואונדער זיך אָבער: נח האָט דאָך געהאַט דריי זין, פאַר וואָס זשע האָט איר אויסגעקליבן דוקא צו זײַן אַ „חם״?...

פ״ג) ווי באַוווסט פלעגט דער „קעלמער מגיד״ אין זײַנע דרשות שמענדיג שיטן שוועבל און פעך און מורא׳דיג אָנפאַלן אויף די יעניגע, וועלכע זײַנען ניט מקפיד במצוות און טרײַבן רכילות און לשון הרע. אײנמאָל האָט ער געהאלטן אַזאַ מין פעך-שוועבלדיגע דרשה אין סלאָנימער בית-מדרש. ר׳ אײַזעלען — וועלכער איז גראָד דאַמאָלס אויך געווען אין בית-מדרש—האָט עס גרייליך פאַרדראָסן: ווי שטעלט זיך דאָס איין א איד מוציא לעז זײַן אויף א גאנצע עדה אידן, אז זיי זײַנען אלע בבחינת לשון הרע׳ניקעס, רכילות-טרייבער וכו׳.

אז דער קעלמער האָט געענדיגט זײַן דרשה, מאכט צו׳אים ר׳ אייזעלע: כ׳וועל אייך דערציילן א מעשה.

איינעם א מלאך האָט זיך אַמאָל פאַרגלוסט זען דעם עולם התחתון און איז צוליב דעם אראָפּגעַנידערט פון הימל אויף דער ערד, שטייט ער איינמאָל אַזוי, אין א גרויסער שטאָט, און באַטראַכט די בנינים, די מערק, די קראָמען, די געשעפטן און זיין אויג ווערט גאָר ניט זאַט קוקנדיג. ס'איז אים אלץ מיטאַנאַנד געפעלן. נאָר פּלוצים גייט צונ'אים צו א פּאָליציאַנט און גיט אים אַ פרעג אויף יוניש:

— א פּאַספּאָרט מאיעש?

— ברידערלאך, טייערינקע — הויבט זיך אָן בעטן דער מלאך ביי די אַרומיגע אידן — דערקלערט מיר וואָס אַזוינס פאַרלאַנגט פון מיר דער דאָזיגער ערל טמא?

—ער פאַרלאַנגט פון אייך—גיט מען אים צו פאַרשטיין —אייער כּתיבה.

— כּתיבה? וואָס איז עס פאַר א מין קטניות? — וואונדערט זיך דער מלאך.

— ס'איז אַזא מין זאַך, — דערקלערט מען אים — וואָס היט איין לייטן פון גזלנים און רוצחים. דאָס באַקומען נאָר אָנשטענדיגע, לייטישע מענטשן, און ווער ס'באַזיצט ניט אזא מין כּתיבה איז ער בחזקת גנב און גזלן. מענטשן היטן זיך פאַר אים.

געפעלט עס דעם מלאך: א שיינער מענטשישער אויפטו!

—נו, און אזא חשוב'ע זאך ווי מענטשן-שוץ — פרעגט וויטער דער מלאך — איז איבערגעגעבן בלויז אין די הענט פון אזא פשוט'ן ערל?

— ניין—ענטפערט מען אים—פאראן נאָך א העכערער פון אים: א ספּראַווניק.

— נו, און איבּערן ספּראַווניק זעלבסט?

— איז פאַראן א גובערנאַטאָר.

— און איבערן גובערנאַטאָר?

— א גענעראַל-גובערנאַטאָר.

— און איבערן גענעראַל-גובערנאַטאָר?

— א מיניסטער.

— און איבערן מיניסטער?

— דער קיסר בעצמו ובכבודו.

— און ווער אזוינס — פרעגט דער מלאך — איז באַנ'אייך זוכה צו זיין א קיסר?

— א קיסר — דערקלערט מען אים — איז דער יעניגער, ווער ס'איז א גבור און האט באוויזן אומצוברייננגען אין מלחמות טויזנטער און מיליאנען מענטשן... דער דאזיגער מענטש איז עס זוכה צום כסא המלוכה.

— שוטים שבעולם! — שרייט אויס דער מלאך — אייער היילינגער ציל איז איינצוהיטן לייטן פון גזלנים און רוצחים, לסוף נעמט איר און גיט איבער די שמירה גופא אין די הענט פון א רוצח שברוצחים!...

און דא, בנידון דידן — פארענדיגט ר' איזעלע — איז אויך דאס אייגענע. איר, קעלמער מגיד, מיט אייער דרשה, ווילט איינהיטן אידן פון רכילות און לשון-הרע. לסוף קומט איר אליין ארויס מיט א צעטל לשון-הרע אויף א גאנצער אידישער עדה... פע, ניט שיין, א חרפה, באמנות!...

פ"ד) ר' איזעלעס בית-דין-שמש, אין קאלחאריע, איז געווען זייער א שלעכטער מענטש, א צר עין; די לערנערס אין בימ"ד פלעגט ער זשאליעווען א שטיקל ליכט און דעם רב פלעגט ער ניט ברייננגען די שכירות אין דער צייט.

מאכט צונ'אים איינמאל ר' איזעלע:

— הער זיך איין, ביי אידן זיינען פאראן דריי שמשים: דער שמש פון די חנוכה-ליכט, דער שמש פון די ציצית און דער בית-דין-שמש. דער שמש פון די חנוכה-ליכט ווערט פארברענט, דער שמש פון די ציצית ווערט פארדרייט, נאר פון בית-דין-שמש קען מען ניט פטור ווערן, ניט ער ברענט, ניט ער ווערט פארדרייט...

פ"ה) אנ'אלטער שוחט איז אמאָל געקומען צו ר' אײַזעלען און געמאָלדן:

היות ער איז זייער אלט און האָט מורא טאָמער איז ער שוין ניט אזוי גוט מרגיש, ווײל ער דעריבער אוועקוואַרפן די שחיטה און ווערן א מלמד.

—וואָס?!—האָט ר' אײַזעלע א טופּע געטאָן מיטן פוס

—ווילט איר, הייסט עס, איבערגיין פון א איסור קל אויף א איסור חמור: ביי א בהמה איז דאָך בלויז א חשש, אז איר וועט איר ניט דערקוילענען, און יונגע קינדערלאך וועט איר געוויס דערקוילענען...

פ"ו) צו ר' אײַזעלען איז אמאָל געקומען אײנער א יונגערמאַן נעמען „סמיכה". ר' אײַזעלע האָט פאַרפירט מיט אים א שמועס, אַנגעטאַפּט זיין דופּק אין לערנען, ערשט—שוואַך, א פּוסטע כלי.

—זאָג מיר נאָר, יונגערמאַן—מאכט צונ'אים ר' אײַזעלע

— וואָס איז דער טייטש „תנו רבנן"?

— רבי — וואונדערט זיך דער יונגערמאַן—דאָס ווייס דאָך אפילו א קינד. תנו רבנן—די רבנן האָבן געלערנט...

—אָט דאָס מיין איך טאקי — ענטפערט ר' אײַזעלע—ס'שטייט ניט „רבנן תנו", נאָר „תנו רבנן" — הייסט עס: פריהער דארף מען לערנען, נאָכדעם ערשט איז רבנן!...

פ"ז) קומענדיג אמאָל פון ווילנע קיין סלאָנים, האָט ר' אײַזעלע דערהערט אז דער סלאָנימער ראש-ישיבה ר' אברהם איז געוואָרן א חסידישער רבי און א גוטער איד. אַנטרעפנדיג ר' אברהמען גיט אים ר' אײַזעלע א פרעג:

— ווי אזוי קען עס זיין? דו ביסט דאָך געוועזן אזא איד ווי מיר אלע, ווי אזוי זשע קומט עס, אז דו זאָלסט ווערן מיט אמאָל א קדוש?

—ס׳איז מיר א וואונדער,—ענטפערט ר׳ אברהמלע, — אז אזא גאון ווי איר זאָלט עס פרעגן. אָט, למשל, תרומה, פריער איז עס געווען טבל אזוי ווי אלע איבעריגע תבואות און ווען מ׳האָט איר אויסגעקליבן און געמאכט פאר הייליג, —ווערט זי קודש. מיט מיר איז אויך דאָס זעלביגע.

— דאָס איז אמת. האָט ר׳ אייזעלע געענטפערט — אָבער, סטייטש: „חרש שוטה וקטן שתרמו, אין תרומתם תרומה"!

פ״ח) ר׳ אייזעלע איז איינמאל קראנק געוואָרן און דער שטעטלשער דאָקטאר האָט אים אָפּגעזאָגט דעם לעבן.

אין א צייט ארום איז ער אראָפּ פון בעט. גייענדיג אזוי א געזונטער אין גאס טרעפט אים אָן דער דאָקטאר און פרעגט אים מיט גרוים חדוש: הייסט עס זיינט איר טאַקי געזונט געוואָרן?

— ניין, איך בין טאקי געשטאָרבן — שמייכלט ר׳ אייזעלע — נאָר כ׳בין געקומען אייך עפּעס דערציילן פון יענער וועלט. כ׳האָב געהערט דאָרט אויסרופן א ריי נעמען פון דאָקטורים, וואָס מ׳האָט זיי פארמשפּט צו גיהנם, צווישן זיי אויך אייער נאָמען, ה׳ דאָקטאר. כ׳האָב אייך אָבער א טובה געטאָן און אָפּגעראטעוועט פון גיהנם: כ׳בין צוגעגאנגען און עדות געזאָגט, אז איר זיינט גאר קיין דאקטאר ניט...

פ״ט) א מחבר אַן עם-הארץ איז אַמאָל געקומען צו ר׳ אייזעלען נאָך א הסכמה. אדורכבלעטערנדיג דעם ספר, מאַכט דער גאון צום מחבר: יע, החזרת את העטרה ליושנה.

דער מחבר איז אוועק מלא שמחה.

ווען די מקורבים האָבן געפרעגט ר׳ אייזעלען, וואָס דאס באַטייט? האָט ער זיי געענטפערט:

— וואס וואונדערט איר זיך? ער האט די פאפיר

אומגעקערט ליושנה: פון שמאַטעס איז זי געמאַכט געוואָרן און אין שמאַטעס האָט ער זי צוריק פאַרוואַנדלט...

צ') אײנמאָל, שמחת תורה, האָט זיך ר' אײַזעלע צוהוליעט און געוואָרן זײער פרײלאך. מאַכט ער צום עולם: רבותי, רופט מיר ניט סלאָנימער רב, נאָר װאַרשעװער רב!

—פאַרוואָס עפּעס?—איז דער עולם געװען טשעקאַווע.

— ווײַל — ענטפערט ר' אײַזעלע — ווער עס רופט מיך „סלאָנימער רב" זאָגט ער דאָך בפירוש אַ שקר גמור: ניט איך וויל סלאָנים, ניט סלאָנים וויל מיר. לאפּוקי וואַרשע, וואָס איך וויל זי יע, מערניט וואָס זי וויל מיך ניט... איז דאָך דאָס בלויז אַ שקר למחצה..

צ"א) ר' אײַזעלע איז אַמאָל געקומען קײן ווילנע דרוקן זײנעם אַ ספר. אין דרוקערײ איז צוג'אים צוגעגאַנגען אײנער אַ „גלוח" און געפרעגט באַנ'אים:

—זאָגט נאָר, רבי לעבן, צו וואָס דרוקט איר עס אײער ספר, ס'פעלן דען בײַ אונז אידן ספרים?

—כ'וועל דיר זאָגן—האָט ר' אײזעלע אים געענטפערט — מסתמא האָסטו זײַענדיג א אינגל אַמאָל באַמערקט, אז דער רבי פלעגט אויסרײַסן א האר פון באָרד, פלעגט ער עס ארײַנלײגן אין א ספר. איז אַמאָליגע יאָרן וואלטן טאַקי, אמת, די ספרים געקלעקט אויף דעם, איצט אָבער, אז מען גאָלט אָפּ גאַנצע בערד—טא פיל, פרעג איך דיר, דארף מען אויף די האר האָבן ספרים?...

צ"ב) א מחבר איז אַמאָל געקומען צו ר' אײַזעלען מיט זײַנעם א חבור און געבעטן ער זאל אים איבערקוקן און ארויסזאגן זײַן מײנונג איבער אים. דורכבלעטערנדיג דעם חבור אײניגע

מאָל האָט ער אים דעם מחבר איבערגעגעבן. זאָגנדיג דערביי: אייער חבור דאַרף האָבן אַ גוטע שמירה, זעט למע"ה'ש ניט פאַרלירט אים,

אז דער מחבר האט אים געפרעגט דעם טעם דערפון, האט ער אים געענטפערט:

— ווייל מאַמער געפינט אים אַ גוי, קען ער נאָך חלילה זאָגן אַז ער האָט אים געמאַכט...

צ"ג) ר' אייזעלע האָט אַמאָל געזאָגט ערגעץ אין אַ שטאָט אין ביה"מד אַ גרויסן פּלפּול און האָט באַמערקט, אַז דער גרעסטער טייל פונ'ם עולם הויבט ניט אָן צו פאַרשטיין וואָס ער זאָגט, רופט ער זיך אָפּ צום עולם: איך וואונדער מיך באמת אויף אייער הויכער מדרגה. וואָס איר שטייגט איבער אפילו מלאכים.

— מיט וואָס, למשל, רבי? — האָט מען אפרעג געטאָן,

— מיט דעם. וואָס ביי מלאכים. חוץ מיר, זיינען די פּים ווי ביי קעלבער, און באַנ'אייך, מורי ורבותי, זיינען די קעפּ קעלבערנע...

צ"ד) ר' אייזעלע איז אַמאָל געפאָרן מיט די באַן קיין ווארשע. געוויינליך איז ער געווען געקליידעט ווי אַ רב, אין פשוטע, לאַנגע בגדים. אנטקעגן אים. אין וואַגאָן, זיינען געזעסן צוויי אידישע „דייטשן", פון וועלכע איינער פון זיי האָט אָנגעהויבן אָפּחוזק'ן פון ר' אייזעלען. די איבעריגע פּאַסאַזשירן, וואָס זיינען דערביי געזעסן. האָט עס זייער פאַרדראָסן און האָבן געבעטן דעם גאון, ער זאָל מקיים זיין דעם פסוק „ענה כסיל כאולתו" און גוט אָפּסלוקן דעם דאָזיגן „דייטש". רופט זיך אָפּ ר' אייזעלע: איר האָט זיך ניט וואָס צו קימערן און נעמען זיך צום האַרצן, ווייל ווער נאר ס'האט אמאל געלערנט

חומש מיט רש״י ווײַס פון דעם אנגעגומענעם כּלל, אז וואו נאר ס׳זײַנען פאראן 2 „טײַטשן״ (פּירושים) ווערט דער צווייטער שטענדיג אנגערופן „דבר אחר״...

צ״ה) יום-כּפּור צו שמונה-עשרה, בעת דער עולם האט געזאגט „על חטא״, האט אײַנער א איד, וועלכער איז געשטאנען הינטער ר׳ אײַזעלען, ניט ווילנדיג זיך אנגעשפּארט אויף ר׳ אײַזעלעס פּלײַצע און געקלאפּט אין הארצן על-חטא.

אז ר׳ אײַזעלע איז „אויסגעגאנגען״ שמונה-עשרה רופט ער זיך אָפּ צום אידן ברוגז׳לאך:

— אַ העזה אַביסל... אַ מענטש זינדיגט און זאָגט אויף מיר!

צ״ו) ר׳ אײַזעלע איז אמאל געזעסן אין מרחץ און זיך ארומגע-וואשן לכבוד שבת. אײַנער, אַ פּשוט׳ער איד, וועלכער האָט אים געזען פון הינטן און אים אָנגענומען פאר זײַנעם אַ באַקאנטן, איז צוגעגאַנגען צו׳אים און אים אַ שמיץ געגעבן, מעשה שטיף, מיטן בעזימל איבערן פּלײַצע.

אַז ר׳ אײַזעלע האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ און יענער האָט דערזען זײַן מאוס׳ן טעות, איז ער, נאַטירליך, אויפגעציטערט געוואָרן און אָנגעהויבן זיך מתנצל זײַן פאַרן רב:

— רבּי, זייט מיר מוחל. כ׳האָב ניט דערקענט...

— ס׳שאַדט ניט, ס׳שאַדט ניט — האָט ר׳ אײַזעלע געשמייכלט — פון הינטן בין איך ניט קיין רב...

צ״ז) ר׳ אײַזעלע האָט אמאל געהאַט אַ שטיקל סכסוך מיט אַ אידן אַן עם-הארץ, וועלכער האָט אים זייער גראָב אָנגעטראָטן.

— איר זײַנט—זאָגט צו׳אים ר׳ אײַזעלע — א גראָבער יונג, ווי א לאבן ברויט.

— רבי — חדושט זיך דער איד — וואָס פאר א פארגלײך איז דאָס?

— גוט דאָס מײן איך טאקי — ענטפערט ר' אײזעלע — איר זײגט אזא גראָבער יונג, אז ס'איז צונ'אײך קײן גלײכן ניטאָ...

צ"ח) צו ר' אײזעלען איז אמאָל געקומען א איד, אָפגעזעסן א היפשע װײלע און געהאַלטן אין אײן מאָלן מיטן צונג. האָט ר' אײזעלע געוואָלט עפעס זאָגן, איז ער אים תכף אַרײנגע־פאַלן אין די רײד און װײטער גערעדט און גערעדט.

צום סוף זאָגט דער איד:

— רבי, כ'וועל אײך דערצײלן אַ גוט וואָרט, וואָס כ'האָב געהערט פון יענעם און יענעם רב.

— ס'איז אַ ליגן! — רופט אויס ר' אײזעלע.

— ס'טײטש, רבי, — חדושט זיך יענער — איר האָט דאָך נאָך גאָרניט געהערט וואָס כ'וויל אײך דערצײלן — װי אַזוי זשע װײסט איר, אַז ס איז אַ ליגן?

— כ'וועל אײך זאָגן פונוואַנען איך װײס — ענטפערט ר' אײזעלע — װי אַזוי קענט איר פון אימיצן עפעס הערן, אז איר לאָזט קײנעם קײן וואָרט ניט אויסרײדן...

צ"ט) פאָרנדיג אײנמאָל אהײם פון אַ פרעמדער שטאָט, האָט זיך ר' אײזעלע אָפגעשטעלט אין אַ קרעטשמע, וואו מען האָט אים דערלאַנגט קאַווע.

ווען ער האָט נאָך געהאַלטן אינמיטן טרינקען, איז צוג'אים צוגעקומען דער קרעטשמער און אים געפרעגט, װי ס'שמעקט אים די קאַווע.

ר' אײזעלע האָט געענטפערט:

— אײער קאַווע האָט אַ מעלה און אַ חסרון. די מעלה

איז, וואס אין אײַער קאווע איז נישטא קיין ציקאריע, און דער חסרון—וואס אין אייער קאווע איז נישטא קיין קאווע...

ק׳) ר׳ אייזעלע איז אמאל אריינגעקומען אין דער וואוינונג פון א באריזמטן רב. די רביצין האט אים אָבער בשום אופן נישט געוואָלט אַרײַנלאָזן. ערשט ווען ער האט געשיקט זאָגן דעם רב, אַז ער, ר׳ אײַזעלע, איז עס האט אים יענער גלייך אַרײַנגעבעטן, אַרײַנקומענדיג, רופט זיך אָן ר׳ אײַזעלע: „איצט איז מיר פאַרענטפערט געוואָרן אַ הארבע גמרא. דער תלמוד (ברכות) דערציילט, אַז ווען ישעיהו הנביא האט זיך באַדאַרפט טרעפען מיט חזקיהו המלך, האט דער נביא געהאַלטן, אַז דער מלך באַדאַרף קומען צו אים און דער מלך — פאַרקערט... נישט זעהענדיג קיין אויסוועג, האט דער רבונו של עולם חזקיהו'ן קראַנק געמאַכט. אזוי אַרום האט שוין ישעיהו'ן געפּאַסט גיין צום מלך מבקר-חולה זיין. שטעלט זיך אַ פראגע: פארוואָס גראד חזקיה'ן קראנק געמאכט, און נישט ישעיהו'ן? — איצט אָבער איז מיר דאָס פארענטפערט געוואָרן: חזקיהו איז דאָך געוועזן דאמאָלס א בחור (ברכות פ״א), איז נישט געוועזן ווער עס זאָל נישט אַרײַנלאָזן ישעיהו'ן: דאגעגן אָבער ישעיהו, אויב ער וואָלט קראנק געוואָרן, וואָלט זיין ווייב, די רביצין, זיכער חזקיהו'ן נישט אַרײַנגעלאָזט...

ק״א) א מגיד, וועלכער האט זיך געהאלטן פאר א גרויסן דרשן, האט אמאָל געבעטן ר׳ אײַזעלען, ער זאָל קומען הערן זיין דרשה. ר׳ אײַזעלע האט אים צוליב געטאָן און געקומען. ווען דער מגיד איז אראָפּ פון בימה, זאגט צו'אים ר׳ אײַזעלע:

—כ'האב מיר קיינמאל גארניט פאַרגעשטעלט איר זאלט זאגן אזא אידעלע דרשה.

די בע״ב, וועלכע זיינען געשטאנען דערביי, זײַנען

פארוונדערט געווארן הערענדיג, דאס דער גאון זאל זיך אזוי אויסדריקן, בעת זיי האבן געוואוסט, אז ר׳ אייזעלע איז תמיד מבטל מגידים, און איינער האט תכף נאכגעזאגט דעם גאונ׳ס ווערטער, אז דער מגיד איז ווירקליך אנ׳איידעלער זאגער.

—געוויס—האט אונטערגעכאפט ווידעראמאל ר׳ אייזעלע — זיין זאגן איז זייער איידל, אזוי איידל, אז ס׳איז כמעט ניטא וואס אנצונעמען..

ק״ב) —כ׳פארשטיי ניט, רבי,—רופט זיך אמאל אפ צו ר׳ אייזעלען דער סלאנימער קאזיאנער רב, וואס איז געווען בשעתו—מיר זיינען דאך ביידע רבנים אין איין שטאט, טא וואס איז די מעשה, וואס אייך גיט מען אפ אזויפיל כבוד און מיר ניט?

—פארשטייט איר מיך—ענטפערט אים אפ ר׳ אייזעלע —אין לעבן באגעגענען מיר אזעלכענע זאכן. פסח, למשל, איז דער דין „על מצות ומרורים יאכלוהו״: פונקט ווי מ׳דארף האבן מצה, אזוי דארף מען אויך האבן מרור, און אן די ביידע מינים קען קיין „סדר״ ניט זיין. פונדעסטוועגן איז פאראן א שטיקעלע חילוק צווישן זיי ביידן. צו די מצות גרייט מען זיך מיט א צייט פריער, און נאכדעם ווען זיי זיינען שוין פארטיג, וויקלט מען זיי איין אין זויבערע ליילאכער און מ׳גיט פאר זיי אפ א כבודיגן ארט. צו די מרור אבער כאפט מען זיך ערשט ערב יום-טוב פארנאכט. בחפזון גיט מען עס א שאב אפ און מ׳דערלאנגט עס אזוי צום סדר גלייך מיט די מצות... ווארים וואס זאל מען טאן? מ׳שטייענס געזאגט א שטיקל יחסן — מ׳מוז אים אויך האבן צום שפאן..

ק״ג) קיין סלאנים איז אמאל געקומען צוריק פון אמעריקע א געוועזענער מלמד, וועלכער איז פריער געווען א פרומער איד און אין אמעריקע איז ער, כנהוג, נתפקר געווארן,

אפגעראזירט זיך די באָרד און פּאות און געוואָרן אַ גאַנצער „אַריסטאָקראַט". בײַ'ם שלום-עליכם געבן זאָגט אים ר' אײַזעלע, אַז אַזאַ מלמד זעט ער צום ערשטן מאָל. ער הײַס, זאָגט ער, פון אַ „מלמד שיצא בלי חתימת זקן ובא בחתימת זקן, אָבער אַזעלכער, וואָס „יצא בחתימת זקן ובא בלי חתימת זקן" — אַזאַ מלמד האָט ער זיך קײנמאָל ניט פאָרגעשטעלט...

ק"ד) געווען אַ איד אין סלאָנים, וואָס האָט געהאַט אַ טבע תמיד אַלץ צו קויפן בײַ גוים. ס'האָבן נישט געהאָלפן קײן שום טענות, ער האָט בשום אופן קײן אידן נישט געוואָלט געבן צולײַזען אַ גראָשען

גײט אַמאָל ר' אײַזעלע אין גאַס און זעט, ווי דער דאָזיגער איד מײַדט בפיון אויס עטליכע אידישע קראָמען און גײט אַרײַן קויפן דווקא צו אַ גוי.

— גוט מאָרגן, ר' פּסחו — שרײַט צו'נאָים הויך אויס ר' אײַזעלע.

— רבי, איר האָט אַ טעות — ענטפערט דער איד — איר האָט פאַרגעסן אַז מײַן נאָמען איז גאָר חיים?

— נײַן, איך געדענק גאַנץ גוט — האָט ר' אײַזעלע רוהיג געענטפערט — אָבער באמת דאַרפסטו הײסן פּסח, ווײַל אַזוי שטײט מאַקי בפירוש אין פסוק: „על שום שפסח על בתי בני ישראל" (דערפאַר, וואָס ער האָט איבערגעהיפּערט די אידישע הײַזער)...

ק"ה) א פּשוט'ער איד האָט אַמאָל געקריגן אַ דריסת הרגל צו ר' אײַזעלען און פלעגט אים כסדר פאַרשיטן מיט קלאָץ-קשיות

אײַנמאָל רופט ער זיך אָפּ: רבי, שלמה המלך האָט געזאָגט „גם אויל מחריש חכם יחשב", אַ נאַר אז ס'שווײַגט, ווערט עס אים פאַררעכנט פאַר אַ חכמה, טאַ אויב אַזוי קען דאָך יעדער נאַר זײַן אַ חכם?

— פארשטייסטו מיר—האט ר' אייזעלע געענטפערט — דערויף איז ער דאך אבער א נאר...

ק"ו) ר' אייזעלע איז אמאל געפארן מיט א בעל-עגלה, וועלכער האט אים אלע ווילע געהייסן אראפקלעטערן פון וואגן און גיין צופוס. דא איז א בארג, איז שווער פארן פערד; דא א טאל, איז פשוט א סכנה צו זיצן אין וואגן א. א. וו. א צוגאב צו דעם האט נאך דער בעל-עגלה געוואלט ארויסווייזן פאר ר' אייזעלען זיין לומדות און אים ניט אפגעלאזן מיט זיינע קשיות.

—אמת, רבי—פרעגט דער בעל-עגלה—אז ס'וועלן אמאל קומען צוויי משיחים: משיח בן יוסף און משיח בן דוד? צו וואס זשע פרעג איך אייך דארף מען האבן צוויי? איינער איז דען ווייניג?

— כ'וועל דיר זאגן—ענטפערט אים ר' אייזעלע איינער וועט אונז אויסלייזן פון גלות און דער צווייטער פון די בעלי-עגלות...

ק"ז) איינמאל האט מען אין בית-מדרש אריינגעבראכט א נייע ספר-תורה. ס'זיינען אנגעלאפן פיל מענטשן צו דער חגיגה און ס'איז געווארן א שרעקלאכע איינגעשאפט.

אז ר' אייזעלע איז אנגעקומען אין ביהמ"ד האט מען געוויינליך פאר אים געמאכט א וועג, ער זאל קענען דורכגיין. שפארנדיג זיך אזוי צווישן עולם האט ער באמערקט, ווי צוויי יונגעלייט, שטארק פארשוויצטע, האבן אראפגענומען די היטלען פון קאפ.

— וואס איז דאס אזוינס!—האט זיי ר' אייזעלע גלייך אפגעשטעלט — אין א בית-מדרש אן היטלען גאר!

— היץ, רבי, היץ!—האבן די יונגעלייט דערשראקענע אפגעענטפערט.

— איך הײַם אבער ניט!—האט ר׳ אײַזעלע פּאַרקאַסטיש צוריקגעענטפערט.

ק״ח) — גוואלד, רבי, וואס טוט מען — האט זיך אמאל אײַנער געקלאגט פאר ר׳ אײַזעלען — ס׳איז דאך גאר קײן אמת אויף דער וועלט ניטאָ!

— עט, ס׳דאכט זיך נאר אײך — האט ר׳ אײַזעלע אזאג געטאָן—אָט טראָגט בײַ מיר א אידענע מילך, זאָג איך אײַך, אַז ס׳איז אמת׳ע וואסער...

ק״ט) ר׳ אײַזעלע האָט געהאַט בײַ זיך אין בית-דין-שטיבל אַ דיין, וועלכער איז געװען אַ מומחה בהוראה און אַ בקי אין שולחן ערוך.

זיצן זײ אמאל בײדע און זײַנען זיך מתוכח אין אַ הלכה. ר׳ אײַזעלע זאָגט אַזוי און דער דיין זאָגט אַזוי. לסוף מאַכט דער דיין: אַפילו דער „באר היטב״, אין יענעם און יענעם סימן, האַלט אויך אַזוי ווי איך זאָג.

— פונדעסטוועגן. נאָך אַלעמען—ענטפערט ר׳ אײַזעלע

— איז דער „באר היטב״, געװען אין פּינקטין ניט מער ווי אַ דײַן, און איך בין געװען אין פּיקטין רבֿ!...

ק״י) דער באַרימטער מגיד ר׳ צבֿי דײַנאָוו, דורכפאָרנדיג אמאָל סלאָנים, האט געהאַלטן אַ דרשה אין בית-מדרש, אויף וועלכער ס׳איז אויך געװען בײַוועזנד ר׳ אײַזעלע. דײַנאָוו האט באַדאַנקט ר׳ אײַזעלען פאר דעם כּבוד, וואָס ער איז געקומען אים הערן און געפרעגט זײַן מײנונג איבער דער דרשה.

— אײַער זאָגן—האָט ר׳ אײַזעלע געענטפערט — איז אויסגעצײַכנט, נאָר צו ניט זאָגן קומט עס ניט...

קי״א) ארומפארנדיג מיט זײנע חבורים איז ר׳ אײזעלע אמאל פארפארן אין א קרעטשמע און געבעטן דער באלעבאסטע זי זאל אים געבן וואס צום עסן. אבער וואס נאר ער האט געבעטן, האט זי אלץ דערקלערט אז ס׳איז ניטא. ווען ר׳ אײזעלע האט זיך געקליבן אוועקפארן, מאכט ער צו איר:

—איר ווײסט, באנ׳איך איז דאך דא אנ׳אמת׳ער גן-עדן.

—וואס הײסט?—קוועטשט די אידענע מיט די פלײצעס

—איר האט דאך, רבי, באנ׳איך קײנשום זאך ניט געקריגן!

—אט דאס מײן איך טאקי: אין גן-עדן איז וואס מען גרײט ניט אן פריהער האט מען נאכדעם ניט, און באנ׳איך, באלעבאסטינקע, איז אויך דאס זעלבינע...

קי״ב) ס׳זײנען אמאל געקומען צו ר׳ אײזעלען אײניגע שטאט-בע״ב באקלאגן זיך אויף א געוויסע פעריאן, וואס מאכט אן צרות אין שטאט און דעריבער, האבן זײ געטענה׳ט, איז א יושר אנצונעמען כל ערלײ מיטלען אים רודף זײן עד חרמה...

— ווען מיר באטראכטן דעם „חד גדיא״—האט זײ ר׳ אײזעלע געענטפערט—זעען מיר, אז אײן צד איז דא פאראן א גערעכטער און דער צווײטער — א אומגערעכטער. די ציגעלע, למשל, איז א אומשולדיגע, די שונרא ווידער — א לײדאטשקע. דער כלבא א גערעכטער און דער חוטרא — א אומגערעכטער, א. א. וו. א. וו. צום סוף זעען מיר, אז דער מלאך-המות, וואס האט מקיים פסק געווען דעם שוחט, איז פולקאם גערעכט געווען, טא פארוואס זשע, פרעגט זיך, האט אים דער רבוש״ע געשאכטן? דער תירוץ איז אבער: דער שוחט איז טאקי אומגערעכט, אבער דו, מלאך המות, זײ ניט קײן „מלאך המות״, קוילע ניט קײן מענטשן צוליב זײערע חטאים, ס׳איז ניט דײן דאגה, בהדי כבשי דרחמנא למה לך?...

קי"ג) אריבּנקומענדיג אײַנמאָל אין דער ישיבה און באַמערקנדיג צװישן די ישיבה-בּחורים אײַנעם מיט אַ שװאַרצן מויל פון שװאַרצע יאַגדעס—האָט ר' אײַזעלע אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איראָניש אַ זאָג געטאָן:

— אָט אַזױ נעביך װערן דאָס ישיבה-בּחורים פאַרשװאַרצט!...

קי"ד) אַנ'אַנדערשמאָל װידער האָט ער באַמערקט, װי צװײ ישיבה-בּחורים'לאַך האַלטן און ציהען יעדערער צו זיך זײַער בּשותּפות'דיגע גמרא.

— זאָגט נאָר,—האָט ר' אײַזעלע אַ געשרײַ געטאָן—כּי מציהען (ציון) תּצא תּורה!?...

קט"ו) אין אַ מסיבּה פון מקורבים איז אַמאָל בּײַ ר' אײַזעלען פאָרגעקומען אַ שמועס װעגן אײַנעם אַ סלאָנימער גביר ה' ק. אויף װעמען ר' אײַזעלע האָט זיך בּאַקלאָגט, אַז ער האָט פון אים קײַנמאָל ניט די געהעריגע הכנסה. תּוך כּדי דבּור איז אָנגעקומען דער בּעל-דבר אַלײן און אײַנער פון די אָנװעזנדע האָט אים גלײַך אויפן אָרט דאָס אויסגערעדט.

— ס'שאָדט ניט, ס'שאָדט ניט — בּארוהיגט אים ר' אײַזעלע — פונדעסטװעגן װען כ'האָב נאָך עטלאַכע אַזעלכע בּע"ב װי ה' ק. װאָלט איך מיט חיונה געװען באַזאָרגט.

—סטײַטש, רבּי, איר האָט דאָך נאָר װאָס אַלײן געזאָגט...

—יע, יע,—האַקט אים איבּער ר' אײַזעלע—װען כ'האָב עטלאַכע אַזעלכע בּע"ב װי ה' ק. װאָלט טאַקי געװען ניט שלעכט, די צרה איז אָבּער, װאָס כ'האָב אַזעלכע בּע"ב װי ער ניט עטלאַכע, נאָר אַ סך...

קט"ז) —מיר איז בּעסער װי משה רבּנו'ן!—זאָגט אַמאָל ר' אײַזעלע.

—פאַרװאָס, רבּי?—

—גאר פשוט: בעת קרח וסיעתו זײַנען אָנגעפאַלן אויף משה רבנו און באַדראַט זײַן שטעלע בײַם פאָלק, איז טאַקי „וישמע משה ויפל על פניו" מחמת ס׳איז ניט קײַן קלײניגקײַט פאַרלירן א שטעלע ווי צו זײַן א נשיא בײַ אידן .. מיר אבער, בנוגע מײַן רבנות, וואָלטן א זעלבע אָנפאַלן ווייניג וואָס געקימערט, ווײַל אַ שטעלע פון ניט האָבן חיונה קריגט מען אין דער וועלט גאַנץ גענוג...

קי״ז) אײנער, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ למדן, האָט אַמאָל געפרעגט ר׳ אײַזעלען: פאַרוואָס, רבי, זײַנען אײַערע לעצטע חבורים ערגער ווי די ערשטע? מיר האָבן דאָך אַ קיימא לן פאַרקערט: תלמידי חכמים כל זמן שמזקינין דעתן מתישבת עליהן?

—יע—ענטפערט ר׳ אײזעלע—ריכטיג. איך, אַלס ת״ח, ווער טאַקי צו דער עלטער אַלץ קליגער און דעריבער זײַנען מײַנע לעצטע חבורים טאַקי גאָר ניט דער ערך בעסער ווי די ערשטע, די צרה איז אָבער, וואָס מײַנע קריטיקער ווערן אויך עלטער און אַלס עמי-הארצים גילט פאַר זיי דער סוף פונ׳ם אויבנדערמאָנטן מאמר: „זקני ע״ה כל זמן שמזקינין דעתן מטורפת עליהן", ד. ה. וואָס זיי ווערן עלטער — ווערן זיי אַלץ נאַרישער, און דעריבער דוכט זיך זיי, אַז מײנע לעצטע חבורים זײנען ערגער...

קי״ח) צושיקנדיג אַמאָל זײַנעם א חבור צו א געוויסן רײַכן בעה״ב, האָט ר׳ אײַזעלע באַקומען חזרה ניט קײַן באַלוינונג, ווי ס׳פירט זיך, נאָר א ביסל חדושי-תורה אויף זײַן ספר.

—איצט איז בײַ מיר רעכט געוואָרן די גמרא—שמײכלט ר׳ אײַזעלע—. פאַראַן א מאמר: „ואהבת את ד׳ בכל מאדך, מאי בכל מאדך? בכל ממונך, דבר אחר בכל מדה שאדם מודד מודדין לו בו". איך האָב געמײַנט, אז די ליבע צום

אויבערשטן ווערט אויסגעדריקט אין בכל ממונך: ניט צו ושאלעווען קיין געלט אויף א דבר-מצוה; דער „דבר אחר" זאגט אבער: בכל מדה ומדה וכו'", ד. ה. טו - נאך די מדה פון צווייטן: אויב יענער שיקט דיר חדושי-תורה—שיק אים אויך אפ דאס זעלביגע און ניט ח"ו קיין אנדער זאך... אט אזוי לערנט דער דבר-אחר.

קי"ט) די ערשטע פרוי, זאגט די גמרא, איז לפי זכותו, נאך דעם זכות פון דעם מאן. די צווייטע אבער איז לפי מעשיו.. און ס'איז טאקי זייער ריכטיג—זאגט ר' אייזעלע — ווען כ'האב געהאט די ערשטע פרוי איז טאקי קומענדיג פון שול האב איך געפונען אין דערהיים אלץ אין בעסטער ארדנונג. ס'איז געווען „לפי זכותו"... די צווייטע פרוי מיינע איז אבער „לפי מעשיו". וואס איך טו—טוט זי מיר נאך, איך גיי אין שול — זי אויך, איך בין זיך עוסק אין מצוות — זי דאס זעלביגע. מיר זיינען ביידע פארנומען מיט עולם-הבא און דער פועל יוצא—א תהו-ובהו אין שטוב, און אין גאנצן לעבן...

ק"כ) א מחבר האט געבראכט צו ר' אייזעלען א חבור „ענבי גפן" און געבעטן ביי אים א הסכמה.

דער גאון האט אביסל מעיין געווען אין דעם חבור, נאכדעם זיך אפגערופן צום מחבר:

—גיט אים בעסער א נאמען „יין קפריסין".

— פארוואס?

— ווייל—ענטפערט ר' אייזעלע—מי רגלים יפין לו...

קכ"א) אז ר' אייזעלע האט פארטיג געמאכט צום דרוק זיין ספר „פני יהושע" (נאך זיין נאמען), האט אין דער זעלביגער

צייט זיין זון ר' משה (ריגער רב), אפגעדרוקט א ספר „פני משה" (אויף פסחים). מהאי טעמא האט ר' אייזעלע געוואלט איבעראנדערשן דעם נאמען פון זיין ספר „פני יהושע" אויף אנ'אנדערן, כדי די וועלט זאל ניט זאגן: פני משה כפני חמה ופני יהושע כפני לבנה... אז זיין זון ר' משה האט אים געפרעגט: ס'טייטש, טאטע, ס'שטייט דאך בפרוש „בכל אדם מתקנא חוץ מבנו ותלמידו"? האט אים ר' אייזעלע געענטפערט: אבער סוף כל סוף איז די לבנה זיך דאך מתקנא אין דער זון!

קכ"ב) צו ר' אייזעלען זיינען אמאל געקומען צוויי אידענעס מיט א דין-תורה וועגן א פארפירענעם רובל. איינע האט געטענה'ט, אז דער פארפירענער רובל איז אירער און די צווייטע האט אים ביי איר ארויסגעכאפט, און די אנדערע האט געטענה'ט, אז זי האט דעם רובל געפונען און די צווייטע האט זיך בלויז צוגעטשעפעט צו איר. ר' אייזעלע האט פארשטאנען, אז ס'איז אוממגליך, אז אימיצער זאל ארויסכאפן ביי א צווייטן א רובל און ניט וועלן אפגעבן, האט ער געבעטן ביידע אידענעס זיי זאלן א ווייל ארויסגיין אוןווארטן, ביז ער וועט זיך מיישב זיין מיטן דיין, וואס זיי האבן צו טאן. בעת די אידענעס האבן גענומען ארויסגיין פון בית-דין-שטיבל, מאכט ר' אייזעלע, כלומרשט שטילערהייד, צום דיין: אויב איינע פון זיי וועט זאגן א סימן, אז דער רובל איז אין איין עק אנגעריסן—איז א באוויז, אז ער איז אירער. די אידענע, וועלכע דער רובל איז געווען ניט אירער, האט גראד אויפגעכאפט ר' אייזעלעס לעצטע ווערטער. און ווען ר' אייזעלע האט זי אריינגערופן צוריק און געפרעגט ביי איר: אפשר האט איר אידענע א סימן אויף דעם רובל? האט זי גלייך א זאג געטאן: יע, יע, רבינקע, כ'האב מיר דערמאנט, אז ער איז אין איין עק אביסל אנגעריסן.

— אויב אַזוי — האָט ר׳ אײַזעלע געפּסק׳נט — איז דער רובל, אידינע, ניט אײַערע; ער איז דורכאויס אַ גאַנצער!...

קכ״ג) ווען ר׳ אײַזעלע איז געקומען קײַן ווילנע דרוקן זײַן ספר „ניעם ירושלמי", האָט מען אים רעקאָמענדירט צו דרוקן אים בײַ ר׳ שמואל יוסף פין, וועלכער איז דאַמאָלס געווען רעדאַקטאָר פון „הכרמל".

אַז ר׳ אײַזעלע איז אַרײַנגעקומען, צוזאַמען מיט נאָך אַ רב, צו פין׳ען אין הויז, האָבן זיי געטראָפן זיצנדיג פין׳ס פרוי אַביסעלע פאַרשײַט און אַ טיכל אויפן קאָפּ...

— כ׳פאַרשטיי ניט—רופט זיך אָפּ צו איר ר׳ אײַזעלע — אויב אײַער מאַן איז דער „כרמל" דאַרפט איר דאָך געוויינליך זײַן אַ „כרמלית", לסוף, ווי ס׳שיינט, זײַנט איר גאָר אַ רשות הרבים...

קכ״ד) ר׳ אײַזעלע איז אַמאָל געשטאַנען אין גאַס און געשמועסט מיט אַ איד אַ בעה״ב, וועלכער האָט פאַר אים אויסגעגאָסן דאָס הארץ, און געקוקט אויף זײַן „פעקל"...

—ווען אַ איד האָט בלויז אײַן פעקל—טרייסט אים ר׳ אײַזעלע — איז ניט אַזוי שלעכט. דער חסרון איז וואָס מערנסטייל׳ס אידן פאַרמאָגן אַ סך פעקלאַך, און אויב אירווילט קען איך דאָס אײַך טאַקי שוין באַווײַזן.

— זייט אַזוי גוט—רופט ר׳ אײַזעלע תכף צו אַ אידן, וועלכער איז גראָד דורכגעגאַנגען פאַרבײַ זיי—זאָגט נאָר, ר׳ איד, וואו איז אײַער פעקל?

—וועלכער?—פרעגט דער איד.

— איר זעט שוין,— מאַכט ר׳ אײַזעלע—אַז דער איד האָט אַ סך פעקלאַך?...

קכ"ה) הוא היה אומר — ר׳ אײַזעלע פלעגט זאָגן: אַ דאַנק מײַן שווער בין איך געוואָרן אַ „חריף" (חריף—זײַנען די ראשי-תבות: חתן ר׳ יצחק פײַן) *) און אַ דאַנק מײַן שווינער בין איך געוואָרן אַ „בקי" (ווײַל פון נאַטור איז זי געווען אַ קנאַפּער דימענט און פלעגט אים שטענדיג טרײַבן אין ביהמ"ד אַרײַן לערנען).

*) זע ר׳ אײזעלעס ביאָגראַפיע (אין אָנהויב ספר).

* *
*

אמר מ"ר:

די שיחות חולין פון ר' איזעלע חריף זיינען אזוי פאפולער און באוואוסט איבער גאר דער וועלט מיט זייער שארפקייט און פעפערדיקייט, אז זיי נויטיגן זיך לחלוטין ניט אין וועלכער ס'איז הסכמה. זיין יעדע חכמה, יעדער וויץ, שפרודלט מיט גאונות און בייסנדיקן סארקאזם, וואס דערלאנגט, ווי מ'זאגט, ביז'ן זיבעטן ריפ...

הייסט עס: וועגן זיי גופא, וועגן די פקחות'דיקע שיחות חולין, פארשפארט מען דא וואס צו זאגן און מיין איינציקער ציל איז דא בלויז אויפמערקזאם צו מאכן דעם חשוב'ן לייענער, אז פילע פון ר' איזעלעס חכמות זיינען אריינגעפאלן אין פרעמדע מיילער און ווערן פאלש, צו על פי טעות, צוגעטשעפעט צו אנדערע... אזוי, למשל, זיינען פילע מיחס ר' איזעלעס ווערטלאך און חכמות אויף די אדרעסן פון ר' יצחק אלחנן, ר' יהושע־בער בריסקער און אנדערע. ס'איז אבער ניט ריכטיק. ר' איזעלעס שיחות חולין זיינען אזוי טיפיש און פאלקלאריסטיש-איינגנארטיק, אז ס'איז שווער ניט צו דערקענען זייער באזונדער שטעמפל און חריפות'קייט, וואס מיר טארן בשום אופן פון אים ניט אוועקנעמען.

דאס איז אינגאנצן, וואס איך בין דא אויסגעקומען צו זאגן. בנוגע ווידער דעם פגנון און דער אויסגאבע בכלל—זאל דער לייענער זעלבסט משפט'ן.

ג. ב. די יעניקע, וועלכע ווייסן פון א וועלכער ס'איז דורכגעלאזענער חכמה פון ר' איזעלע חריף, ווערן געבעטן תכף צושיקן צוג'אונז, אויף אונזער אדרעס, און מיר וועלן עס צוגעבן אין דער צווייטער אויפלאגע.

כ'וויל דא אויך אונטערשטרייכן, אז די גאנצע הכנסה פונ'ם דאזיקן ביכ'ל גייט אויף א דבר־מצוה: פאר סלאנימער „גמילות-חסדים-קאסע" (רעטונגס-קאמיטעט). ס'ליגט דעריבער א מאראלישער חוב אויף יעדן איינציקן, צו זען פארשפרייטן די דאזיקע שיחות-חולין-זאמלונג צווישן פריינט און באקאנטע.

געגר. אין יאהר 1908

„היינט"

עלטסטע און פערשפרייטסטע אידישע מארגן-צייטונג אין פוילן, ערשיינט אין ווארשא ביי דער מיטארבייט פון די בעדייטענסטע אידישע פובליציסטן, פאליטיקער און קינסטלער.

דער „היינט" דאט די פריהסטע אינפארמאציעס און אייגענע קארעספאנדענטן אין אלע קולטור-צענטרן פון דער וועלט.

אין פערלאג „היינט" ערשיינען נאך:

„היינטיגע נייעס"

טעגליכע פאפולערע בילינגע צייטונג,

האט די גרעסטע אויפלאגע צווישן די אידישע צייטונגען אין אייראפא, ערשיינט 3 מאל: פאר ווארשא, דער נאהנטער און ווייטער פראווינץ.

„האנדלס-וועלט"

איינציג אידיש האנדלס-בלאט אין פוילן.

„וועלט-שפיגל"

פארביג אילוסטרירט וואכנבלאט.

אנאנסן אין די אויסגאבן פון „היינט" ברייגגען די בעסטע רעזולטאטן.

רעדאקציע און אדמיניסטראציע פון פערלאג: „היינט",
ווארשא, כלאדנא 8 / פאסט-פאך 350.

טעלעפאנען: 624-08, 285-30, 634-21, 230-86.

דער

מאמענט

ווארשא.

ווילט איהר האבן א גרוס
פון דער אלטער היים?

אבאנירט דעם ווארשאווער

„מאמענט"

פאפולערסטע, פערשפרייטעסטע
יודיש-נאציאנאלע טאג-
צייטונג אין אייראפא.

אין „מאמענט" שפיגלט זיך
אפ דאס לעבן פון אונזערע ברי-
דער יודען פון גאר דער וועלט.

אבאנעמענטס-פרייז:

יערליך 15 דאל.	פערטל-יערליך 3.25 דאל.
האלב-יערליך 7.50 „	א חודש 1.75 „

אדרעס:
„DER MOMENT", Warszawa.

„פאלקס הילף"

ארגאן פאר די גמילות-חסדים-קאסעס און פראגן
פון סאציאלע פארזארגונג אין פוילן.

ערשיינט יעדן חדש אין ווארשע.

אבאנאמענטס-פרייז:

איינצל-נומער 1 גילדן. פאר א פערטל יאר 3 גילדן. א האלב
יאר — 5,50 גילדן, א גאנץ יאר 11 גילדן.

אין אויסלאנד: פאר א פערטל יאר 1/2 דאלאר,
פאר א גאנץ יאר 2 דאלאר.

אדרעס: „Folkshilf" Warszawa,
Przechodnia 5/9.

פ. ק. א. נומ. 24,859.